№ 153 — פרייז 2 קאפ. — Lodzer Tageblatt.

לאָדזער טאַגעבלאַט

אבאנעמענטס-פרייז: אין וואלגאגרו א יאָהר 8 רובל, א האלב יאָהר 4 רובל, א פֿערטעל יאָהר 2 רובל, א חודש 70 קאפּ. אין אויסלאַנד: א חודש 1 רובל 25 קאפּ. איינצעלנע נומער קאסט 15 ק. אדרעסע פֿון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: Лодзь, Петроковская 16. אדרעסע פֿאַר דעפּעשען: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע פעטריקויער 16, טעלעפֿאָן 867. פיליע אין וואַרשוי: ת. רייזנער, טוואַרדא 23, טעל. 17-69.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 קערבל אויף דריטע זייטע 60 ק. לעצטע זייט 30 קאפּ. גראטולאציאָנען פֿערלאָבונגס און חתונה-אנזייגען 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע מאַנוסקריפּטען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פֿאַר'ן אינהאַלט פֿון אנאָנסען איז די רעדאקציע ניט פֿעראַנטוואָרטליך.

(2) 15 יולי 1914. — מיטוואָך כ"א תמוז תרע"ד — זיבענטער יאהרגאנג

דער דרייסטער אטענטאט אויף ראַספּוטין'ען.

ראַספּוטין געשטאָרבען.—די מהומה צווישען זיינע אנהענגער.—ראַספּוטין און איליאָדאָר.—ווער איז דער אנפֿאַלער?

די מהומה צווישען ראַספּוטינ'ס אנהענגער.

פּעטערבורג (ספּ.) די ידיעה, וואָס איז נעכטען דערהאַלטען געוואָרען פֿון פּאָקראָווסק, אַז אַ פֿרוי האָט זיך געוואָרפֿען אויף ראַספּוטינ'ען און איהם אריינגעשטאָכען אַ מעסער אין בויך, האָט צווישען ראַספּוטינ'ס אנהענגער אַרויסגערופֿען אַ גרויסע מהומה.

זיי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט די פֿרוי דעם אטענטאַט געמאַכט צוליעב פּערזענליכער נקמה. זי איז צוזאַמען מיט ראַספּוטינ'ען אַרויסגעפֿאָהרען דעם פֿאַרינען דינסטאָג.

ראַספּוטין איז געשטאָרבען.

פּעטערבורג (ספּ.) אין אָווענד האָבען זיך דאָ פֿערשפּרייט קלאַנגען, אַז ראַספּוטין איז פֿון די וואונדען געשטאָרבען.

פּעטערבורג (ספּ.) דער דומע-פֿאַרזיצענדער, ראָדזיאַנקאָ, האָט פֿון פּאָקראָווסק בעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז ראַספּוטין איז געשטאָרבען צוליעב אַ בלוט-פֿערגיפֿטונג.

די ידיעה וועגען ראַספּוטינ'ס טויט האָט אין דער גאַנצער שטאָדט אַרויסגערופֿען אַ גרויסע סענסאַציע.

ווער איז די אנפֿאַלערין?

פּעטערבורג (ספּ.) לויט די ידיעות, וואָס זענען דאָ דערהאַלטען געוואָרען, איז די פֿרוי, וועלכע איז אנגעפֿאַלען אויף ראַספּוטינ'ען, אַ אַנהענגערין פֿון איליאָדאָר'ן.

פּעטערבורג (ספּ.) לויט אָפֿיציעלע ידיעות, איז אויף ראַספּוטינ'ען אנגעפֿאַלען עפּעס אַ יונגע פֿרוי, וועלכע איז געקומען צו איהם צופֿאָהרען מיט דער בקשה, אַז ער זאָל זי אונטערשטיצען אין איהר ענין וועגען בעקומען אַ גט.

ווי אַזוי איז פֿאָרגעקומען דער אנפֿאַל?

פּעטערבורג (ספּ.) ראַספּוטין האָט זיך צוויי מאָל אָבגעזאָגט אויפֿצונעהמען די אונבעקאַנטע פֿרוי. די לעצטע האָט דאַן אָבגעוואַרט פֿאַר'ן הויז ביז ראַספּוטין איז אַרויסגעגאַנגען, זי איז צו איהם צוגעגאַנגען מיט אַ ראָלקע פּאַפּיער און פּלוצלונג איהם אריינגעשטאָכען מיט אַ מעסער צוויי מאָל אין בויך.

לאָזט זי פֿריי.

פּעטערבורג (ספּ.) בעקומענדיג די וואונדען אין בויך, איז ראַספּוטין אנידערגעפֿאַלען אויף דער ערד. די אנהענגער, וועלכע האָבען איהם בעגלייט, האָבען זיך געוואָלט באַלד אָברעכענען מיט דער מערדערין. ראַספּוטין האָט אָבער געבעטען, אַז מ'זאָל זי פֿריי לאָזען.

דעם פֿערוואונדעטען האָט מען איבערגעטראָגען אין די נאָהענטסטע אַפּטייק, וואוהין מ'האָט אַרויסגערופֿען אַ איניגע דאָקטוירים. די לעצטע האָבען אנערקענט די לאַגע פֿון פֿערוואונדעטען פֿאַר געפֿעהרליך.

דראַה-בריעף.

פּעטערבורג (ספּ.) ווי מען זאָגט אין פּעטערבורג, האָט ראַספּוטין בעקומען דראַה-בריעף, וועלכע האָבען איהם געצוואונגען צו פֿערלאָזען פּעטערבורג.

אויף אַ בעזוך צו ראַספּוטינ'ען.

פּעטערבורג (ספּ.) היינט זענען פֿיעל אָנגעזעהענע פּערזענליכקייטען אַרויסגעפֿאָהרען פֿון פּעטערבורג קיין סיביר, כדי צו בעזוכען ראַספּוטין'ן.

מיטגעפֿיהל-טעלעגראַמען.

פּעטערבורג (ספּ.) ס'האָבען אַרויסגעשיקט מיטגעפֿיהל-טעלעגראַמען דער אָבער-פּראָקוראָר פֿון סינאָד און פֿיעל אנדערע אָנגעזעהענע פּערזענליכקייטען.

מאַקלאַקאָווס ראַפּאָרט.

פּעטערבורג (ספּ.) דער אינערן-מיניסטער מאַקלאַקאָוו האָט וועגען אַטענטאַט אָבגעגעבען אַ ספּעציעלען ראַפּאָרט.

לעצטע לאָדזער נייעס.

פֿון קאַמאַשען-מאַכער מייסטער-פֿעראיין.

(ג) נעכטען אין אָוונט איז אין ניי'ען ענגלישען זאַל (פּאָלודניאָוואַ 10) אונטער'ן פֿאָרזיץ פֿון ה' י. פ. סענדעראָוויטש פֿאָרגעקומען אַנ'אויסערגעוועהנליכע פֿערזאַמלונג פֿון די מיטגליעדער פֿון „קאַמאַשען-מאַכער מייסטער-פֿעראיין". פֿון בעריכט איז צו זעהן אַז צום פֿעראיין געהערען שוין כמעט אַלע קאַמאַשען-מאַכער-מייסטער און אַז ער ענטוויקעלט זיך זעהר גוט. ד"ר בעריכט ווערט בעשטעטיגט. לעבהאַפֿטע דעבאַטען רופֿט אַרויס די פֿראַגע, וועלכע מיטלען אָנצונעהמען כדי צו בעזייטיגען די שעדליכע קאָנקורענץ צווישען די קאַמאַשען-מאַכער-מייסטער, אַדאַנק וועלכער דאָס גאַנצע פֿאַך געפֿינט זיך אויף אַ זעהר נידריגער מדרגה. נאָך לענגערע וכוחים ווערט בעשלאָסען, אַז יעדער פֿעראיינס-מיטגליעד מוז בעלעגען אַ גאַראַנטיע אויף דריי הונדערט רובל, אַז ער וועט נישט אַבטרייטען פֿון די פּרייזען וועלכע דער פֿעראיין וועט אויסאַרבייטען. דאַן קומען פֿאָר די וואַהלען, וועלכע געבען פֿאָלגענדע רעזולטאַטען:

אין דער פֿערוואַלטונג נעהמען אריין די ה"ה: ל. מ. אָרדערב־רג, ת. ק. סענדעראָוויטש, ל. ליובראַניצקי, מ. פֿאַקין, י. זיסמאַן, מ. חיערניק, מ. עלקאַן און ל. ראָזענבערג. אַלס קאַנדידאַטען די ה"ה ראַנטשקע, סאַכאַטשעווסקי, ראָטמאַן, פֿראַנקפֿאָרט און גאָלאָס. אין רעוויזיאָנס-קאָמיסיע—די ה"ה: י. פֿריינד, י. עלבאַנאָוויטש און ש. שיינראָק.

פֿון וואַרשאַ.

(דורכ'ן טעלעפֿאָן.)

דער ענדגילטיגער אורטייל איבער באַראָן ביספּינג.

נעכטען האָט מען אין דער ערשטער אַפּעלאַציאָנס פֿון וואַרשויער אָקרוזשנאָי סוד פֿערעפֿענטליכט אין דער ענדגילטיגער פֿאָרם דעם אורטייל איבער באַראָן ביספּינג און די מאָטיוען פֿון דעם אורטייל. אַלס פֿערטרעטער פֿון דעם אנקלאַגער איז ביי'ם פֿערלייענען דעם אורטייל אָנוועזענד געוועזען אַדוואָקאַט פּאַפּיעסקי.

צו מיינער אַבריזע נאָך פּאַלעסטינאַ ווינשע איך אַללען מיינען פֿערוואַנדטען, פֿריינד אונד בעקאַנטען
לעבע וואָהל!
נח קלינגבייל. 7668

צור פֿערלאָבונג פֿון אונזער מיטגליעד
ה' יעקב גלאַזשטיין מיט פֿרייליין רוזשאַ בארנשטיין
גראַטולירט הערצליך און ווינשט פֿיעל גליק
פֿעראיין „מלביש ערומים".

צור פֿערלאָבונג פֿון ה'
יעקב גלאַזשטיין מיט פֿרייליין רוזשאַ בארנשטיין
גראַטולירע הערצליכסט אונד ווינשע פֿיעל גליק
יצחק חיימאָוויטש. 287

REGINA ANKER
PINKUS GNAT
Verlobte
Tomaszow — Lodz
im Juli 1914. 7245

צו דער פֿערלאָבונג פֿון פֿרל.
רוזשאַ בארנשטיין
מיט אונזער פֿריינד יאַקאָב גלאַזשטיין
273 גראַטולירען הערצליכסט
י. דרייפֿיעל, ב. לייזעראָוויטש, ש. פֿוקס, י. שטאַרקמאַן.

Zur Verlobung unseres Bruders
Pinkus Gnat
mit Frl.
Regina Anker
gratulieren herzlichst
Dawid Gnat
4267 und Jacob Gnat.

Zur Verlobung von mein Freund
Pinkus Gnat
mit Frl. Regina Anker
gratuliert herzlichst
und wünscht Glück
7248 Bernard Strum.

Частное высшее 4-х кл., съ правами казенныхъ, мужск. нач. училище
М. П. Короткевича
Лодзь, Новый рынокъ № 2.

העהערע 4-קלאַסיגע אנז. פּריוואַט קנאַבען-שולע, מיט רעכטען פֿון רעגירונגס-שולען פֿון
מ. פּ. קאָראָטקעוויטש
לאָדז, נייער רינג № 2
ביטע וועגען אנגעגעבען זיך צו ווענדען פֿון 7 ביז 9 אוהר אבענדס. בלאַנקען פֿיר ביטעס קען מען בעקומען אין די שולקאַנצליי אומזאָנסט. 5853

הויכע געמויערטע קעלער
אין פֿראָנט-געביידע
געוועלבט מיט געפֿלאַסטערטע שטיין-פּאָדלאָגעס, אויף וואונש אויך מיט עלעקטרישע בעלייכטונג זענען פֿאַר זאַפּאַרט צו פֿערמיעטען. פּעטריקויער שטר. 16, צו ערפֿאַהרען ביים ווירט.

קאַלישער שטיקערייען
אויס'ן פֿונט, ווי אויך אַבשניטע, זענען צו בעקומען צו שפּאָט-ביליגע פּרייזען.
וואָלטשאַנסקאַ שטר. 43, וואָהנ. 39. 5

די בהלה צוליעב די נייע מאַסען-גרושים.

טויזענדער אנקלאַגעס אין סענאַט.

יודישע הילף.

קיעוו (ספּעצ. צום לאָדז. טאַג.) לויט דער איניציאַטיווע פֿון איינינע חיענע כלל-טהוער האָט זיך דאָ געגרינדעט אַ אינסטיטוציע מיט'ן צוועק צו געבען יורידישע הילף די יודען, וואָס זענען „ערקלערט" געוואָרען דורך די נייע צירקוליאַרען אַרויסגעשיקט צו ווערען פֿון קיעוו.

אנקלאַגעס אין סענאַט.

קיעוו (ספּעצ. צום לאָדז. טאַג.) טויזענדער יודען, וועלכע ס'שטעהט פֿאַר אַרויסגעשיקט צו ווערען דורך די לעצטע צירקוליאַרען, האָבען אַנגעגעבען אַנקלאַגעס אין סענאַט. דערהיילע זענען זיי זיך משתדל ביים גובערנאַטאָר, אַז מען זאָל די גרושים צייטווייליג אָבשטעלען.

ווידער געפֿונען נייע באָמבעס אין פּאַריז.

פּאַריז (ספּ.) נעכטען האָט מען אויף דעם וואָקזאַל פֿון אויטאָבוס געפֿונען צוויי נייע באָמבעס, זיי זענען גלייך צו די ערשטע באָמבעס און האָבען אַ געוואַלדיגע אויפֿרייס-קראַפֿט.

אין פּאַריז האָט מען אויך אַרעסטירט נעכטען 2 רוסען, אַ געוויסען מערנער מאַנאַראַכאָוויטש, וועלכער זאָל האָבען געשטאַנען אין בעציהונגען מיט יענע באָמביסטען און אַ געוויסען טורענסקי. מאַנאַראַכאָוויטש האָט ביי זיך געהאַט אַ גרויסע סומע געלד איבער וואָס ער וויל נישט זאָגען פֿון וואַנען ער האָט עס. מען רעכענט, אַז אין פּאַריז געפֿינט זיך אַ גוט אָרגאַניזירטע באָמבעס פֿאַבריק. די אויספֿאָרשונג פֿיהרט זיך זעהר טיכטיג.

אַ רעוואָלוציע אין כינאַ.

פּעקין (ספּ.) די רעגירונג איז זעהר בעאונרוהיגט פֿון דער ידיעה, אַז עס האָט אויסגעבראָכען אַ דריטע רעוואָלוציע אין דרום-כינאַ, די מאַכט פֿון די רעוואָלוציאָנערען וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג, פֿון שאַנחיי פֿאָהרען אַב יעדען טאָג פֿיעל פֿרייוויליגע רעוואָלוציאָנערען קיין דרום. יואַנשיקאַי האָט געבעטען די ענגלישע קאָנסולען צו שטערען די רעוואָלוציאָנערע פֿרייוויליגע. אָבער קיינער פֿון די קאָנסולען וויל זיין ביטע נישט צוליעב טהון. ד"ר סונטיאַטזען האָט זיך אין כינאַ, אין אַמעריקאַ און אין יאַפּאַן פֿערשאַפֿט פֿיעל געלד מיטלען און די רעוואָלוציאָנערען זענען דעריבער זיכער, אַז זיי וועלען האָבען ערפֿאָלג.

אַ נייע עמיגראַציאָנס-אַפֿערע.

קראָקוי (ספּ.) דאָ האָט מען ענטדעקט אַ נייע עמיגראַציאָנס-אַפֿערע, אין וועלכער ס'איז פֿערמישט דער דירעקטאָר פֿון דער אַגענטור „קאַנאַדיאַן-פּאַציפֿיק" אין שטשאַקאָווע. עס ווערט געפֿיהרט אַנ'אויספֿאָרשונג.

געשטאָרבען אַ באַטשאַפּטער.

בערלין (פּ.) דאָ איז געשטאָרבען דער דייטשער באָטשאַפֿטער אין כינאַ, פֿאָן האַקסהאַוזען.

דערשאָסען זיעבען פּערזאָן.

בערגאַמאָ (פּ.) אַ געוויסער פּיאַנעטאָ, אין קאַמעראַטאָ-קאָרנעליאָ, האָט דערשאָסען אויף טויט אַ דאָקטאָר און אַ נלה, וועלכע זענען געווען ביי זיין קראַנקער מוטער. דאַן איז ער אריין אין וואָהנונג פֿון דעם סעקרעטאַר פֿון דער געמיינדע, וואו ער האָט דערשאָסען דעם סעקרעטאַר מיט זיין טאָכטער. אין פֿעלד האָט ער ווידער דערשאָסען אַ בעדינער און צוויי פּויערים און האָט זיך דאַן בעהאַלטען.

אַ שיסעריי אין אַ טעאַטער.

פּעטערבורג (פּ.) אין וועסטיקאַל פֿון טעאַטער „אַקוואַריום" האָט אַ רעזערוו-אָפֿיציר סווינסטאָנאָוו בעת אַ קריגעריי געשאָסען אויפ'ן דירעקטאָר פֿון דער אַקציען-געזעלשאַפֿט „טרור" בערענדאָ און איהם שטאַרק פֿערוואונדעט.

Dr. Rosenzweig
דאָקטאָר ראָזענצווייג
וואָהנט יעצט זגערזשער 40
פֿערייזט נאָך אויסלאַנד. 3 16 5835

Dr. med. H. Rożaner
ד"ר מעד. ה. ראָזשאַנער
ביז'ן 30 יולי: ציגעלנע-שטר. 4, טעל. 31-88
פֿון 30-טען יולי: קרוטקאַ № 9
ג. ספּיטאַל. פֿון דער בערלינער קליניק, ספּעציעל-אַרצט פֿיר האַלז און אָהרען-קראַנקהייטען. נעמטשע מעטהאָדען צור היילונג פֿון לאַנגישען טריפּער (נאָך פֿראַנק) און סיפֿיליס (קאָמבינירטע בעהאַנדלונג) מענער-שוואַכע, בעליכטונג פֿון האַרן-קאַנאַל. היילונג פֿון האָר-אויספֿאַלען. שפּרעכשטונדען פֿון 8—12½ און 4—8½ נאַכט.

6850 די געזעלשאַפֿט
„КАВКАЗЪ и МЕРКУРІЙ"
מאַכט היערמיט בעקאַנט, אַז צוליעב דעם וואָס ה' לעאָפּאָלד לאַנדוי האָט זיך ענטזאָגט צו פֿערוואַלטען די אַגענטור פֿון דער געזעלשאַפֿט
„קאַווקאַז און מערקורי"
און די שטאָדט-סטאַציע פֿון די דרום-מזרח-אייזענבאַהנען, ווערען זיי פֿון 1/14 יולי ד. י. איבערגעגעבען דעם ה' מ. מ. קאַלעצקי און זיי וועלען זיך געפֿינען זווידזעווער שטר. № 80.

העלענענהאָף.
דאָנערשטאָג דעם 16-טען יולי 5½ אוהר נאַכט.

בענעפֿיס פֿון דירעקטאָר פֿון סימפֿאָנישען בלאָז-אָרקעסטאָר ו. ס. ד.
ה' אלעקסאַנדער שיעלסקי.
5½ אוהר קינדער-קאָנצערט, 7½ אוהר גרויסער קאָנצערט
אונטער דער לייטונג פֿון אַ. שיעלסקי. איינגאַנג 80 און 15 קאָפּ.
אַבאָנעמענטען און פֿריי-בילעטען זענען נישט גילטיג, אויסער פֿון דער פּרעסע.

די טרויעריגע לאגע פון די מגורשים.

(פון אונזער קיעווער קאָרעספּאָנדענט).

צווישען דער קיעווער יודישער בעפעלקערונג רעדט מען איצט וועהר פיעל וועגען דער טרויעריגער לאגע פון די יודישע בעלי־מלאכות. איבער וועלכע ס'לויערט דער טרויעריגער גורל פון גרושים... פון טאג צו טאג ווערען די רייהען פון די אונגליקליכע מגורשים גרעסער און גרעסער ; יעדען טאג ווערען ארויסגעגעבען נייע פעראָרדנונגען וועגען ארויסשיקען יודישע בעלי־מלאכה, וועלכע זענען אין פערלויף פון צעהנדליגער יאהרען געזעסען און געבויגען דעם רוקען איבער א ווארשטאט אדער מאשין.

איך האב אייך שוין געשריבען וועגען דער ביטערער לאגע פון די קיעווער יודישע בעלי־מלאכות ; כ'האב אויך טעלעגראפיש מודיע געווען וועגען די „ערקלערטע" 62 יודישע פאמיליעס, וועלכע האבען געוואוינט אין קיעוו אויפ'ן גרונד פון די צייכנונגען, וואס זיי האבען בעקומען פון דער בערדיטשעווער „רעמעסלענע אופראווע". ס'איז אינטערעסאנט אנצוהייזען אויף דער הינטער־קוליסען־זייט פון די דאזיגע גרושים פון די יודישע בעלי־מלאכות.

די געשיכטע האט אפילו נישט קיין גרויסע בעדייטונג, ס'איז אָבער זעהר כאראקטעריסטיש פאר אלע יודישע גרושים און פאר די אנדערע געביטען פון דער אזוי גערופענער יודישער פראגע.

די געשיכטע איז אזוי געווען ; מיט א קורצער צייט צוריק איז פון קיעוו געפאהרען קיין בערדיטשעוו דער פארשטעהער פון קיעווער אדמיניסטראציע, כדי צו מאכען דארט א רעוויזיע. אין פערלויף פון צוויי טעג איז די רעוויזיע געווען געענדיגט און דער בעאמטער האט זיך שוין געקליבען אחעקצופאהרען, האט מען איהם פלוצלונג געבראכט א בריעף, וועלכער האט איהם געצוואונגען צו פערבלייבען אין בערדיטשעוו נאך איניגע טעג, אום אויסצופאָרשען דעם נייעם עניין. דער בריעף איז געווען פון א יוד N. וועלכער האט געשריבען, אז אין בערדיטשעוו איז וועהר ענטוויקעלט דאס נעהמען וויזאטקעס און גאנץ בעזונדערס האט דער שרייבער פון בריעף אנגעוויזען אויף דער „רעמעסלענע אופראווע".

N האט אנגעוויזען, אז די רעמעסלענע אופראווע ניעמט ארויס פאר 150 רובל צייכנונגען יעדערען, וועמ'ס'האט נור צו בי צאהלען אזא סומע און ווער ס'נויטיגט זיך נור אין אזא צייכנוניש פון א בעל־מלאכה. די רעמעסלענע אופראווע מאכט דערביי פאלשקייטען אין די דאקומענטען, גיעט פאטאגראפישע בילדער אויף די צייכנונישען נישט פון די פערזאנען, וועמען מ'גיעט ארויס די צייכנונישען א. אז. וו.

צום סוף האט N געגעבען אן זיין בריעף א צעטיל פון די פערזאנען, וועלכע האבען בעקומען פון דער בערדיטשעווער רעמעסלענע אופראווע צייכנישען און זענען איינגעמעלדעט אין בערדיטשעוו, וועהרענד זיי וואוינען אין קיעוו.

בעקומענדיג דעם בריעף, האט דער בעאמטער געהייסען צו זיך ארויסרופען דעם מחבר פון בריעף. וועלכער האט אלץ, וואס ער האט געשריבען אין זיין בריעף, בעשטעטיגט מונדליך.

אויף דער פראגע פון בעאמטען — וואס ס'האט איהם בעוועגט וועגען דעם צו מעלדען — האט N ערקלערט, אז ער האט נישט געוואלט בעצאהלען די געפאָדערטע 150 רובל פאר א צייכניש א מיטגליעדער פון דער אופראוולעניע, נור ער האט איהם געגעבען בלויז 100 רובל און ווען מ'האט איהם אבגעזאגט ארויסצוגעבען א צייכניש, האט ער בעשלאסען וועגען דעם צו מעלדען.

דער בריעף איז גענומען געווארען אין אכט און לויט א פעראָרדנונג פון עלטסטען ראטגעבער פון דער גובערנסקער פערוואלטונג נאנדעלשטעדיל איז געמאכט געווארען א אויספאָרשונג וועגען דעם עניין און דער רעזולטאט איז געווען אז 62 יודישע פאמיליעס פון בעלי־מלאכות, וועלכע האבען „בערדיטשעווער" צייכנישען, זענען פערמשפט געווארען ארויסגעשיקט צו ווערען.

די לעצטע „ערקלערונגען" האבען ארויסגערופען א גרויסע פאניק צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג. דער האנדעל איז אינגאנצען אבגעשטארבען, פון די גרושים ליידען גאנץ בעזונדערס די מאנופאקטוריסטען, וועלכע זענען געשטאנען אין געשעפטליכע בעציהונגען מיט די יודישע בעלי־מלאכות (שניידער'ס און וועש־נייהערס) צוליעב די גרושים קענען די בעלי־מלאכות זייערע חובות, פערשטעהט זיך נישט צאהלען.

מורא האבענדיג פאר די טרויעריגע פאלגען, צו וועלכע ס'ברענגען די גרושים פון די יודישע בעלי־מלאכות, האבען די סוחרים זיך אבגעזאגט צו געבען קרעדיט אלע יודישע בעלי־מלאכות, וועלכע זענען נישט זיכער מיט זייער „מאָרגען" אין קיעוו.

ס'איז זיך לייכט פארצושטעלען, וואס פון אזא לאגע קאן ארויסקומען.

די אָמט מאסען־גרושים פון די יודישע בעלי־מלאכות רופען זיך אב אויפ'ן גאנצען לעבען פון דער קיעווער בעפעלקערונג, וועלכע לעבט איצט אין איין שרעק, נישט זייענדיג זיכער מיט דער עקאָנאמישער עקזיסטענץ.

און צו די גרושים נעהמט גאר קיין סוף נישט. די גובערנסקע פערוואלטונג האלט אין איין „ערקלערען" און די פאניק צווישען די היגע יודישע בעלי־מלאכות און צווישען דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג ווערט אלץ גרעסער און גרעסער. אפילו די הויז־בעזיצערים האבען שוין אנגעהויבען צו פיהלען אויף זיך די פאלגען פון די גרושים און זיי זענען זיך משתדל, אז מ'זאל די גרושים אבשטעלען.

וואס ס'וועט זיין — איז שווער צו זאגען.

קיעוו. י. נימלין.

טאג-נאטיצען.

די באלוטער יודישע קאסע.

אין א פערשאלטענעם קרייז געפינט זיך עפעס די באלוטער יודישע לייה־און שפאר־קאסע !

וויפיעל אינטריגאנטסטע רייבונגען און סכסוכים די קאסע האט שוין אין משך פון איהר קורצער עקזיסטענץ דורכגעמאכט, וויפיעל סקאנדאלען זענען שוין דארט פארגעקומען, וויפיעל נישט געבעטענע „בעלי טובות" האבען שוין די ארימע שעפעלעך ביי דער נאז געפיהרט און די מיטגליעדער פון דער קאסע האבען נאך אלץ קיין פערשטאנד נישט די קאסע וויפיעל עס איז וויכ־צושטעלען אויף א בעסערן יסוד.

שוין אזוי פיעל רבי־געלד פערצאהלט און עד היום געהען די באלוטער אין חדר ביי פערשיעדענע אונגעוואונשטע תקיפים...

נישט לאנג האט מען א ביסעל אויסגעריסען דעם שימעל פון דער קאסע, בעזייטיגט די אונגעבעטענע „בעלי טובות", וועלכע האבען זיך אנגעזעצט מיט גוואלד אויף דעם רוקען פון ארימע לייט און פון זיי דאס בלוט געזויגען...

מען האט געמיינט, אז עס וועט שוין איצט נעהמען א סוף, אז די קאסע וועט זיך אנהויבען רוהיג און פריערליך צו ענטוויקלען.

נייז אבער, עס געפינען זיך אין באלוט „כלל־מהוער" וואס זייער גאנצע „כלל־מהוערי" בעשטעהט דערין, וואס זיי זעצען זיך אן אויף אנ'אינסטיטוציע צוליעב זייערע איינענע נוצען און ווילען דוקא שטעהן אן איהר שפיץ, צי די מיטגליעדער ווילען עס, אדער נישט...

זיי זענען ביי זיך תקיפים און ווילען אויפ'ן חשבון פון ארימע לייט זייער תקיפות דורכזעצען מיט אלע מעגליכע און אונמעגליכע מיטלען...

מילא, וועגען די דאזיגע תקיפים איז נישט דא דער פלאץ צו רעדען ; זיי וועט מען בכלל אזוי גרינג פון אונזער געזעלשאפטליכען האריזאנט נישט פערטרייבען—זענען זיי דאך תקיפים !

מיט מאכט, מיט חוצפה און אפשר אויך מיט געלד...

עס ווילט זיך אָבער זאגען א פאר ווערטער די באלוטער בעלי בתים, קליינע הענדלער און האנדווערקער וועלכע טוטינגען זיך אין דער קאסע.

ווען די אלע דאזיגע עלעמענטען, די מיטגליעדער פון דער קאסע וואלטען זייערע אינטערעסען פערשטאנען און דער עקר געוואוסט וואס מען מאכט און זייער דעה איבער דער קאסע—וואלטען אזעלכע אונגעבעטענע „בעלי טובות" צווישען זיי קיין ארט נישט געהאט...

די דאזיגע תקיפים קומען נאר אהין וואו זיי רעכענען צו בעגעגענען קליינע, שוואכע מענשעלעך וואס שרעקען זיך פאר'ן שיין פון געלד...

די שוואכע, מוטלאזע מיטגליעדער דערזעהענדיג אזא תקיף ווערען דערציטערט און לאזען זיך שערען ווי שאף, ערפילענדיג הכנעה'דיג אלע וואונשען פון די תקיפים, כאטש זיי זענען דירעקט געווענדעט נעגען די אינטערעסען פון די מיטגליעדער.

און ווען די מיטגליעדער ווילען האבען ענדליך א קאסע, וועלכע זאל זיי ווירקליך ארויסהעלפען מיט א הלואה אין א שווערער צייט, מוזען זיי א ביסעל מעהר מוט האבען, א ביסעל דרייסטער זיין אויף די אלגעמיינע פערזאמלונגען און געדענקען, אז די אינסטיטוציע געהערט נישט די „בעלי־טובות", נאר זיי, די מיטגליעדער!

לאזאר י.

יעקב שיף וועגען טעכניקום פון חיפה.

אין לעצטען נומער פון „אמעריקאן היברו" איז אפגעדרוקט פאלגענדער בריעף פון ה' שיף :

„פון צייט צור צייט, און צום לעצט אויך אין איינער צייטונג פון 26 מאג פון דעם מאנאט, איז געווען א ידיעה, אז מיין אינטערעסירען זיך מיט'ן טעכניקום אין חיפה און מיין אנטהייל נעהמען אין דעם ספעציעלען פאנד, וואס מען האט געגרינדעט פאר איהם איז געווען נאר א דאנק די ווירקונג פון ד"ר שמריהו לעווין, וועלכער איז איינער פון די נאציאנאלע פיהרער.

האטש ביז איצט האב איך נישט געמאכט מיר פון דער ידיעה איז שוין אבער דאך צייט, אז כ'זאל מיטטיילען, אז דער ערשטער וועלכער האט געלענקט מיין אויפמערקזאמקייט אויף דעם געדאנק צו בויען א טעכניקום אין חיפה איז נישט געווען ד"ר ש. לעווין, נאר ד"ר פאאול נאטאן פון בערלין. מיין אינטערעס צו דער זאך איז איבערהויפט געשטיגען נאכדעם ווי כ'האב מיך איבערצייגט, אז אין דעם בויען פון דעם אינסטיטוט וועלען קאנען צוזאמען ארבייטען דייטשע יודען מיט רוסישע און אמעריקאנישע יודען, ארטאדאקסען, רעפארמאטארען ציוניסטען ווי נישט־ציוניסטען לטובת דעם פראגרעס און דעם קולטור אין פאלעסטינא.

אבער צום בעדויערען האט זיך די זאך אין גאנצען געענדערט. אנשטאט דער הארמאניע וואס עס האט געהערשט אין קוראטאריום פון דעם אינסטיטוט האבען זיך אנגעהויבען רייסערייען און דוקא פונקט אין דער צייט ווען דאס טעכניקום איז שוין פערטיג.

די דאזיגע סכסוכים האבען זיך פערשטארקט צוליעב דעם וואס פיעלע צדדים האבען נישט ערלעדיגט אין דער ריכטיגער צייט דעם ערשטען סכסוך, אבער דער פאקט איז פעסטגעשטעלט, אז א קליינע גרופע פון קוראטאריום, פון וועלכער עס שטעהט אן דער שפיץ ד"ר לעווין האבען גורם געווען מיט זיין פלוצלונגער דעמיסיע און מיט זייער עקסטע אגיטאציע, אז דער גאנצער פראיעקט איז געקומען צו א קריזיס, אין דער צייט ווען די זאך איז שוין נאהענט געווען צו פערווירקליכען און מען האט שוין אויסגעגעבען דערויף 800,000 דאלאר.

ווייטער זאגט ה' שיף, אז עס וועלען זיך געפונען נאך גענוג מיטלען פאר'ן טעכניקום און, אז עס איז א פראגע, אז אזוי ווי מיט דער זאך פיהרען אן די נאציאנאליסטען צי מען קאן זיך בכלל אינטערעסירען מיט דעם אינסטיטוט.

אונטערגעשריבען : יעקב שיף. דער „אמעריקאן היברו" בעמערקט דערצו, אז די אמעריקאנער קוראטארען האבען זיך אנגעגעבען אין דעמיסיע און אז אין בערלין וועט די טעג פארקומען א בעראטונג צי מען זאל ווייטער ארבייטען מכח דעם אינסטיטוט צי איהם ליקווידירען.

טשעמבערלען און הערצל.

אין לעצטען נומער פון „טיימס" איז ערשיענען אנ'ארטיקעל וועגען טשעמבערלען און דעם ציוניזם.

טשעמבערלען—שרייבט די צייטונג איז דאס געווען דער מענש, וועלכער האט פארגעלעגט אין נאמען פון דער בריטישער רעגירונג א טעריטאריע פאר'ן יודישען פאלק אויף ברייטע אויטאנאמישע יסודות. אין סוף פון יאהר 1902 האט ד"ר הערצל, דער גרויסער פיהרער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג מיטגעטיילט טשעמבערלען'ען, אז עס וואלט זעהר גוט געווען, ווען מען זאל קאנען גרינדען א יודישען ישוב אין איינע פון די לענדער וואס זענען נאהענט צו פאלעסטינא. ער האט זיך דעמאלט אויפגעהאלטען אויף דעם האלב־אינזעל „ועד־אל־עריש" צווישען מצרים און פאלעסטינא. טשעמבערלען האט איהם צוגעזאגט מיטצווירקען צו פערווירקליכען דעם פראיעקט, אבער די קאמיסיע וואס עס איז געגרינדעט געווארען אויף אויספאָרשען גענוי די פרטים פון דעם פראיעקט האט איהם געפונען פאר נישט גינסטיג. אין יענער צייט האט זיך טשעמבערלען געפונען אויף זיין רייזע קיין דרום־אפריקא, אז ער איז אהיימגעקומען און מען האט איהם איבערגעגעבען דעם בעשלוס פון דער קאמיסיע וועגען „ועד אל־עריש" האט ער געשיקט רופען הערצל'ס א פערטרעטער און האט איהם געזאגט, אז ער האט געזעהן א גוטע טעריטאריע פאר א יודישען ישוב, און ער האט אנגערופען ביי'ם נאמען א שטיק לאנד ביי נוראבי אין מזרח־אפריקא (אוגאנדא).

טשעמבערלען'ס פארשלאג האט ארויסגערופען א גרויסע מיינונג־פערשיעדענהייט. ענדליך איז אהינגעשיקט געווארען א עקספעדיציע, נאר דער פראיעקט איז שפעטער אבגעווארפען געווארען דורך דעם ציוניסטישען קאנגרעס. דערביי איז ארויסגערוקט געווארען א הייסען דאנק דער ענגלישער רעגירונג און טשעמבערלען'ען.

הערצל האט זיך בעקענט מיט טשעמבערלען'ן א קורצע צייט פאר זיין טויט בעדיע גרויסע מענשען — ווייל ד"ר הערצל איז אהן א ספק געווען דער גרעסטער יוד פון דער לעצטער צייט—האבען שטארק געאכט איינער דעם אנדערען.

ד"ר הערצל האט געזאגט אויף טשעמבערלען'ען :

— ער האט א רעזינען נאמען אבער זיין הארץ איז פיעל גרעסער.

און טשעמבערלען האט געזאגט אויף הערצל'ן :

— דער דאזיגער מענש האט אלע מעלות פון א גרויסען פאליטיקער און צוזאמען דערמיט פעראייניגען זיך די אלע מעלות אין איין הארמאניע מיט זיין אנטהייל נעהמען אין דעם גורל פון זיין ליידענדער פאלק.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, האס די צוויי מענשען זענען געווארען צוזאמענגעבונדען איינער צום צווייטען באלד פון דער ערשטער זעהן־זיך.

וועלט-נייעס.

ווי אזוי ווערט מען אין כינא א זשורנאליסט.

ד"ר לו-טשענג-טשיאנג א בעפאלמעכטיגטער מיניסטער און א ספעציעלער געזאנדטער פון דער כינעזישער רעפובליק איז פון פרעזידענט פון כינא בעאויפטראגט געווארען איבערצוגעבען ה' פואנקארע'ן אנ'אויסצייכנונג פון דעם סימבאל פון כינא דעם צאפ־לאפ־און שלאנג־צייכען. דער כינעזער איז איצט געקומען קיין פאריז און בעת א געשפרעך מיט ה' אוריאג! האט ער אויסגערעדט זיין וואונדער וואס די פרעסע האט אין פאריז אזא גרויסע פרייהייט. דערביי האט ער איבערגעגעבען א ביסעל וועגען דער פרעסע אין כינא. ווי ער דערצעהלט, שטעהען אין כינא אלע רעדאקטארען פון גרעסטען ביז'ן קלענסטען אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי. יעדער זשורנאליסט מוז זיך מעלדען אין דער רעגיערונגס־ביורא און דארט ווערט געפיהרט אנ'אויספארשונג וועגען אלע זשורנאליסטען. פאר 80 יאהר מאר מען זיך אין כינא צו זשורנאליסטיק נישט נעהמען. אויך מאר מען נים זיין זשורנאליסט און שרייבען אין צייטונגען ווען מען געהער צו א בירגערליכען שטאנד אדער ווען מען געהערט צום פלאט אדער צו דער ארמעע. איידער דער זשורנאליסט נעהמט זיך שרייבען מוז ער האבען א שיין פון א דאקטאר, אז ער איז נישט געווען אדער געווען קראנק אין האט נישט די אנשטעקענדע קראנק. דאן בעקומט ער ערשט א דיק ביכעל, וואו עס ווערט איהם אנגעוויזען ווי אזוי ער זאל זיך נוהג זיין. דארט ווערט איהם געזאגט וואס ער דארף יא און וואס נישט. דערפון איז די צאהל פון די זשורנאליסטען איבער וואס ער דארף שוין אזוי פיעל, אז עס בלייבט איהם שוין באלד נישט איבער מעהר איבער וואס יא צו רעדען.

•

דער טעלעפאן אלס קינדער־מיידעל.

דער יונגסטער מענש אויף דער וועלט, וועלכער בעדינט זיך מיט א טעלעפאן איז זיכער דאס 4 חדשים'דיגע קינד פון אנ'איניזשעניער אויף קוערנעצע. דער דאזיגער קליינער בירגער שלאפט יעדען טאג אויף דער פרייער לופט און נעבען איהם איז דא א טעלעפאן־רעהרעל אזוי זיין מוטער קען אזוי ערום וויסען צי ער איז אויף אדער ער שלאפט נאך. דער טעלעפאן איז צווי איינגעארדנעט, אז ווען דאס קינד חאפט זיך אויף און נעהמט וויינען בעריהרט עס נישט וויסענדיג די טרובקע פון טעלעפאן און דארט קלינגט שוין דער טעלעפאן, בא דער מוטער אין שטוב און זי ווייסט, אז דאס קינד שלאפט שוין נים מעהר און אז דאס קינד וויינט.

די פערפיהרטע מוטער

אדער

די אומגליקליכע טאכטער.

(42

אַ שפּאַנענדער ראָמאַן פון לאָדזער לעבען.

ווען פרייס'ס פרוי וואלט אומשטאנד געווען וואלט זי זיך איצט ארויפגעווארפען אויף דארא'ן און זי צוריסען אויף שטיקער. זי האט קוים געקאנט איינהאלטען דעם צארן.

— איהר זוכט מיין מאן !—האט זי ווידער א פרעג געטהון,—מיין מאן האט געהייסען, אז איהר וועט קומען זאל מען אייך ווייזען די טיר.

— ווי דערוועגט איהר זיך צו רעדען מיט מיר אזוי !—האט דארא כמעט ווי א געשריי געטהון.

— איהר זענט א אויסגעלאסענע פרוי ! איהר האט דא נים וואס צו טהון... געהט !

דארא'ן האט דאס בלוט א שלאג געטהון אין קאפ ארויין פון אויפרעגונג און כעס. אנ'אויגענבליק איז זי געשטאנען ווי א געליהמטע נים קאנענדיג זיך רירען פון ארט. אבער באלד איז זי א שפרונג געטהון צו איהר מיט א געשריי.

— וועמען האט איהר עס געזאגט ! וואס האט איהר געזאגט...

איך נים ענדיגענדיג די ווערטער איז זי א פאל געטהון אויף א שטוהל און איז געבליבען ליעגען אין חלשות.

פרייס'ס פרוי האט זיך דערשראקען און האט נים געוואוסט, וואס צו טהון. זי איז צוגעלאפען צו דארא'ן און האט זי בענומען מונטער ; אבער דארא האט זי אבגעשטויסען פון זיך.

אין דעם מאמענט איז אריינגעקומען פרייס אין צימער. די פרוי זיינע איז פערשוואונדען געווארען, דערזעהענדיג דארא'ן איז ער איבערראשט געווארען.

— דארא !—האט ער אויסגערופען,—איהר זענט בלאס... וואס איז דא געשעהען ?

זי האט אָבער נים געענטפערט. זי איז געזעסען זיך באדענדיג אין טרעהרען.

— דארא, זאגט מיר, וואס איז דא געשעהען ?—האט ער זיך גענומען בעטען ביי איהר,—האט אייך מיין פרוי בעליידיגט ?

— זי האט מיך נים בעליידיגט, זי קען מיך נים בעליידיגען,—האט זיך דארא אנגערופען קומענדיג צו זיך,—איהר האט מיך בעליידיגט און ערניעדריגט... איהר האט מיך אונגליקליך געמאכט.

— איך ווייס נים, וואס פאר פרעטענזיעס איהר האט ווידער צו מיר ?—

— איהר האט אונז אונגליקליך געמאכט,—האט זי אנגעהויבען ריידען אנ'אויפגערעגטע,—און איהר מוזט ווען ארויסנעהמען אונז פון אונגליק.

— איך טהו וואס איך קאן,—האט פרייס געענטפערט,—איך טהו איבער מיינע כחות...

— ס'איז א ליגען !—האט דארא א געשריי געטהון,—איהר שפיעלט זיך מיט אונזער לעבען און אונזער גליק... איהר בענעהמט זיך מיט מיר ווי א ניעדערטרעכטיגער מענש... געהט זעהט, וואס איהר האט געמאכט פון אונז. איהר האט צעשטערט דאס לעבען און דאס גליק פון מיין פאמיליע, מיין מאן איז דורך אייך משוגע געווארען. מיך האט איהר געשטויסען אין שאנדע, מיינע קינדער... אוי, מיינע קינדער וועלען זייער גאנץ לעבען קלאגען און וויינען איבער אייך...

זי האט זיך צעוויינט מיט ביטערע טרעהרען און האט נים געקאנט מעהר ריידען. פרייס איז געזעסען טיעף געריהרט, איהרע רייד האבען איהם געשטאכען ווי מיט מעסערס, ער האט איצט געפיהלט די גאנצע שווערקייט פון זיין שולד און האט אפילו דעם מוט נים געהאט זי צו בערוהיגען.

— וואס קאן איך נאך טהון פאר אייך ?—האט ער א פרעג געטהון.

— איהר מוזט אונז העלפען, איהר מוזט ווען זעהען א צינר אונז ראטעווען פון טויט און פון עלענד,—האט זיך דארא אנגערופען,—איהר וויסט גאנץ גוט, אין וואס פאר א פערלעגענהייט אונזער פירמע געפינט זיך, און נאר איהר איינער קענט אונז א צינר ביישטעהן. אין נאמען פון מיינע אונגליקליכע קינדער פערלאנג איך פון אייך, אז איהר זאלט אונז בעהילפיג זיין אין דעם קריטישען מאמענט און נים לאזען פאלען... דאס איז אייער הייליגע פליכט...

אין דעם אויגענבליק האט זיך געעפענט די טיר פון צימער, און ס'האט זיך בעוויזען פרייס'ס פרוי.

— יא, דאס איז דיין הייליגע פליכט איהר צו העלפען,—האט פרייס'ס פרוי א זאג געטהון,—די האסט זי אונגליקליך געמאכט, מוזט זעהען זי ראטעווען צוזאמען פון אונגליק...

קוים האט זי אויסגערעדט די ווערטער און איז פערשוואונדען געווארען. דארא און פרייס זענען געבליבען ווי פערשטיינערט פון איהר פלוצלונג'דיגען ערשיינען, אז זייערע ערשטוינטע ניט קאנענדיג א ווארט ארויסריידען.

— גוט, — האט זיך פלוצלונג פרייס אנגערופען, אויסשטרעקענדיג איהר די האנד, — איך וועל טהון פאר אייך, וואס איך וועל נאר קענען.

דארא האט זיך אויפגעהויבען.

— געדענקט, — האט זי געזאגט, — איך פערלאז זיך אויף אייער ווארט... נאכדעם וואלט איהר קיינעם נים בעשולדיגען, אויב ס'וועט זיך טרעפען עפּיס אנ'אונגליק... איך האב זיך בעשלאסען צו בעגעהען דאס שרעקליכסטע, נאר קיין שאנדע נים ליידען... געדענקט, אז דאס איז מיין איינציגער אויסוועג...

זי האט שוין נים געווארט אויף קיין ענטפער און איז אוועקגעגאנגען.

46. א שווערער קאמפף.

וואכען און חדשים זענען אוועקגעגאנגען איבער, זינט מ'האט מאקס'ן ארייננעבראכט אין שפיטאל. דארא האט געפיהרט א שווערען קאמפף אום צו דערהאלטען איהר הויז, פרייס האט אפילו געהאלטען ווארט און געשטיצט די פירמע אויף וויפיעל ס'איז מעגליך געווען, אבער די געשעפטען זענען נים געווען אנגעשטעלט.

דארא איז איצט געווען אליין עלענד ווי א שטיין, זי האט געדארפט זיין א מוטער און א ערציהערין פאר איהרע קינדער און גלייכצייטיג אויך פיהרען דאס געשעפט. איהר אלטער געטרייער פריינד ווארשאוויאק האט שוין איהר נים געקאנט בעהילפיג זיין ווי ביז אהער, ער פלעגט שוין בכלל נאר איינגאנצען נים קומען אין געשעפט אריין, ער איז געווען קראנק און זיין לאגע האט זיך וואס א מאל אלץ מעהר פערערגערט.

דארא האט פערצווייפעלט געקעמפפט פאר איהר עקזיסטענץ נים האבענדיג פון קיינעם קיין הילף. אויך איהרע קרובים האבען זיך דערווייטערט פון איהר. אלע האבען זי פערלאזען, אבער וואס מעהר זי האט זיך געפיהלט איינזאם און עלענד אלץ מעהר האט זיך דערוועקט אין איהר מוט און ענערגיע. מיט פרייס'ן פלעגט זי זיך עפטערס צוזאמענקומען, און האטש ער האט זיך געסטארעט מיט אלע מעגליכקייטען איבערצורייסען מיט איהר יעדע בעציהונג האט זי איהם דאך געצוואונגען צו שטיצען איהר הויז.

ענדליך האט דארא איינגעזעהען, אז ס'איז איבער איהר כח'ת אזוי שווער צו ארבייטען, און זי האט בעשלאסען צו ליקווידירען איהר געשעפט און אוועקצופאהרען קיין ווארשוי און זיך דארט בעזעצען. זי איז אוועקגעגאנגען צום אלטען ווארשאוויאק זיך אנ'עצה האלטען מיט איהם. ווארשאוויאק איז געלעגען א שווער קראנקער אין בעט, אבער דערזעהענדיג דארא'ן איז ער א ביסעל מונטער געווארען. א רירענדע סצענע האט זיך אבגעשפיעלט בעת דאר"א האט זיך בעגעגענט מיט דעם מאן, וואס האט עטליכע און דרייסיג יאהר אזוי געטריי געדיענט דעם געשעפט און איז געווען א אמת'ער איבערגעגעבענער פריינד דעם הויז.

דארא האט אויסגעוויינט פאר איהם איהר ביטער הארץ און האט איהם דערצעהלט ווי פיעל זי ליידעט.

— איך קען שוין מעהר נים אויסהאלטען, — האט זי געזאגט, — איך וויל מאכען א סוף צו די צרות... ליעבער פריינד, ווען נים די קינדער, וואלט איך שוין נים געלעבט אויף דער וועלט.

— וואס רעדט איהר ! וואס רעדט איהר ! — האט ווארשאוויאק א דערשראקענער אויסגערופען.

ער האט זיך צעוויינט ווי א קינד אויסהערענדיג איהרע רייד און צוזעהענדיג דאס עלענד פון דער פרוי, וועלכע ער האט געקענט פון קינדהייט אן און האט געוואוסט, ווי גליקליך זי האט געלעבט.

זיי האבען ביידע געוויינט.

— ליעבער פריינד, — האט איהם דארא געזאגט, — איך האב איצט בעשלאסען צו מאכען א טריט, וואס וועט אייך זיכער נים געפעלען, אבער איך האב קיין אנדער אויסוועג נים. איך וויל ליקווידירען דאס געשעפט און ארויספאהרען מיט די קינדער קיין ווארשוי.

ווארשאוויאק האט אויף איהר א קוק געטהון מיט זיינע האלב־פערלאשענע אויגען, וועלכע האבען איצט אויסגעדריקט א טיעפען טרויער.

— גאט זאל אייך היטען ! — האט ער אויסגערופען, — וואס ווילט איהר טהון ! איהר ווילט צונעהמען דאס לעצטע ביי אייערע קינדער... איהר ווילט זיי אונגליקליך מאכען... גאט זאל אייך היטען !

ער האט מעהר נים געקאנט ריידען פון שוואכקייט און איז א פאל געטהון אויף די קישענס.

(פערטזעצונג קומט).

וואס הערט זיך אין לאָדז.

די הזכרות נאך ד״ר הערצל אין די לאָדזער שולען.

(ג) אין פערלויף פון נעכטיגען טאָג זענען אין פיעל היגע שולען אָבגעריכט געוואָרען הזכרות צוליעב דער 10 יעהריגער יאָהרצייט פון ד״ר הערצל.

די ערשטע הזכרה איז אָבגעריכט געוואָרען אין דער סינאַגאָגע אויף פּראָמענאַדען גאַס, וואו ס׳האָט זיך פערזאַמעלט זעהר א גרויסער עולם. דער קאַנטאָר ה׳ אַלטערמאַן מיט׳ן סינאַגאָגען-כאָר האָבען אָבגעריכט די הזכרה.

אַרום 8 א זייגער אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַנ׳הזכרה מיט א הספד אין דער וואָהלינער שוהל. אויך צו דער הזכרה האָט זיך פערזאַמעלט א ריזיגע טויזענד פערזאָן.

צו ערשט האָט געהאַלטען א הספד דער בעוואוסטער עסקן און רעדנער ה׳ בערגער פון מינסק.

אין מיטען דעם הספד האָט דער חזן פון דער שוהל אָבגעריכט אַנ׳הזכרה און דאַן האָט ה׳ בערגער געענדיגט זיין וואָרימען הספד, וואָס האָט דעם עולם גערירט ביז צו טרעהרען.

* *

אין „מזרחי״-שוהל.

(:) נעכטען 8 א זייגער אין אָוונט איז אין שוהל פון „מזרחי״ בעי א גרויסען עולם אָבגעריכט געוואָרען א הזכרה נאך ד״ר הערצל ז״ל. ה׳ זולבערצווייג האָט געהאַלטען א טרויער-רעדע אין העברעאיש, דאַן האָט דער חזן ה׳ פנחס זויגעלמאַן מיט׳ן כאָר געמאַכט א הזכרה. נאָכדעם האָט ה׳ חלל בקאָטים געהאַלטען זעהר א וואַרמען הספד און אויפגעפאָדערט צו זאַמלען געלד פאר דעם „יער הערצל״.

* *

היינט אַרום האַלב 8 א זייגער אין אָוונט וועט אין דער ציוניסטישער שוהל אויף נאָוואָ-זאַרזשעווסקא 19 אָבגעריכט ווערען אַנ׳הזכרה נאָך ד״ר הערצל בעת וועלכער ס׳וועט האַלטען א טרויער-רעדע דער בעוואוסטער מטיף פון „אהל יעקב״ ה׳ סולוי-קאָווסקי.

פון דער יודישער קרעדיט-געזעלשאַפט.

די לאָדזער יודישע קרעדיט-געזעלשאַפט (פּעטריקאָווער 27) ענטוויקעלט זיך זעהר גוט און ווערט אלץ פּאָפּולערער ביי דער בעפעלקערונג. אין משך פון דער קורצער עקזיסטענץ האָט די געזעלשאַפט שוין א גרונד-קאַפּיטאַל פון 10,000 רובל און איינלאַגען 40,000 רובל. ווי וויכטיג עס איז די טהעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט בעווייזט דער פאַקט, אז זי האָט ביז איצט אַרויסגעגעבען הלואות אויף א סומע פון 38000 רובל.

קליין-קרעדיט.

(ג) דער צענטראַל-קאָמיטעט פאר קליין-קרעדיט אין פּעטערבורג האָט ערלויבט דער צווייטער לאָדזער יודישער לייה-און שפּאַר-קאַסע (פּעטריקויער 33) איינצופיהרען טשעק-ביכלעך פאר די מיטגליעדער.

— דער זעלבער צענטראַל-קאָמיטעט האָט אָבגעזאָגט די ביטע פון דער „ערשטער לאָדזער יודישער לייה- און שפּאַר-קאַסע״ וועגען אַרויסגעבען הלואות אַנשטאַט 800 ביז 600 רובל.

— די „פּאַביאַניצער יודישע לייה- און שפּאַר-קאַסע״ האָט זיך געווענדעט מיט א ביטע אין פּעטריקאָווער גובערניסקע קאָמיסיע פאר קליין-קרעדיט וועגען ערלויבען אַרויסגעבען הלואות ביז אויף 600 רובל.

פון דער באַלוטער יודישער קאַסע.

(ג) די טעג וועט פאָרקומען אַנ׳אויסערגעוועהנליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער באַלוטער יודישער לייה-און שפּאַר-קאַסע. די הויפּט-פראַגע פון דער פערזאַמלונג וועט זיין ווי אזוי ווידער אַריינצופיהרען שלום אין קאַסע, וועלכער איז צושטערט געוואָרען פון א פיהרער פון דער קאַסע...

ראַדיום אין לאָדז.

דער היגער קריסטליכער „דאָבראָטשינאָשץ״ האָט, ווי בעקאַנט, בעשלאָסען צו קויפען ראַדיום פאר 10,000 מאַרק. צו דעם צוועק זענען צוויי מיטגליעדער פון דער פערוואַלטונג אַרויסגעפאָהרען קיין בערלין. דאָס ראַדיום געקויפט און עס געבראַכט קיין לאָדז.

אין לאָדז האָט מען עס אַריינגעלעגט אין אַנ׳אייזערנע קאַסע אין האַנדעלס-באַנק ביז מען וועט עס אַריבערפיהרען אין יעוואַנגעלישען שפּיטאָל אויף פּאַלנאַצנא. דערווייל מאַכט מען אין שפּיטאָל די נויטיגע הכנות זיך צו בענוצען מיט׳ן ראַדיום.

פון אַרבּייטער-פעראיין ביים שחט-הויז.

די פערוואַלטונג פון אַרבּייטער-פעראיין ביים שחט-הויז האָט בעשלאָסען די מיטגליעדער, וואָס וועלען זיין שולדיג מאָנאַטליכע ביישטייערע פאר 8 חדשים אויסצושליסען פון פעראיין.

דער שטרייק אין שלעסער׳ס פאַבריק.

אין שלעסער׳ס שפּינעריי און וועבעריי אין אָזאָרקאָוו, האָבען זיך צו די 1700 אַרבּייטער, וועלכע שטרייקען שוין צוויי וואָכען, פעראייניגט די איבריגע אַרבּייטער און צוליעב דעם, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ערפילען די פאָדערונגען פון די אַרבּייטער, האָבען די לעצטע אָבגענומען די פעסער און געוואָרפען די אַרבּייט.

א טייל פון די אַרבּייטער האָט בעקומען אַרבּייט אין די אָזאָרקאָווער פאַבריקען און די איבריגע זענען געפאָהרען קיין לאָדז, זגערזש און פּאַביאַניץ זוכען אַרבּייט.

א קירזשנער-סעקציע.

פאַרגעסטערן אין אָוונט איז אין האַנדווערקער-קלוב פאָרגעקומען א בעראַטונג פון א גרופּע קירזשנער אונטער׳ן פאָרזיץ פון ה׳ בראַנינסקי. נאָך לענגערע וכוחים איז בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען א בעזונדער קירזשנער-סעקציע ביי׳ם האַנדווערקער-קלוב. אום אויסצואַרבּייטען די סטאַטוטען פון דער סעקציע זענען געוועהלט געוואָרען פאָלגענדע פערזאָנען: ה״ה טינער, מ. סאַרוועטקא, ח. גאָלדפּליכעל, מ. קריינער און ז. רישפעלד.

פון דער געזעלשאַפט „זומער-קאָלאָניעס פאר יודישע קינדער״.

(ג) פאַרגעסטערן איז צוריקגעקומען פון טשעכאָטשינעק די ערשטע פּאַרטיע (30 קינדער), וועלכע די געזעלשאַפט „זומער-קאָלאָניעס פאר יודישע קינדער״ האָט געשיקט קיין טשעכאָטשינעק זיך צו קורירען. די קינדער האָבען זיך זעהר גוט ערהאַלטען און צוגענומען פיעל צו דער וואָג. צוגלייך מיט די קינדער קומט אויך צוריק פון דער געזעלשאַפט זומער-קאָלאָניע „קושיזשובקע״ ביי אַנדזשעיעוו די צווייטע פּאַרטיע פון 130 קינדער וועלכע האָבען זיך אויך זעהר גוט ערהאַלטען.

דעם קומענדיגען דאָנערשטאָג שיקט די געזעלשאַפט שוין אַרויס קיין טשעכאָטשינעק די צווייטע פּאַרטיע פון 80 קינדער. די קינדער מוזען זיך זעקס א זייגער פערטאָגס פערזאַמלען אין „דאָבראָטשינאָשץ״ (זאַכאָדניא 20) פון וואו זיי וועלען אָוועקגעשיקט ווערען קיין טשעכאָטשינעק און בעגלייט ווערען דורך א ספּעציעלען דאַמען-קאָמיטעט מיט עסענס אויפ׳ן וועג.

דעם קומענדיגען פרייטאָג שיקט די געזעלשאַפט אויך אַרויס אין איהר זומער קאָלאָניע „קושיזשובקע״ די דריטע פּאַרטיע פון 180 קינדער. די פערשריבענע קינדער מוזען זיך פרייטאָג אין דערפריה פערזאַמלען אין יודישען „דאָבראָטשינאָשץ״ (זאַכאָדניא 20 №) פון וואַנען זיי וועלען אַרום 1 א זייגער אָוועקגעשיקט ווערען פון לאָדז.

פּוערע אָוועקגעפלויגען.

דער בעריהמטער פראַנצויזישער לופט-פליהער פּוערע איז מיט זיין אַפּאַראַט אָוועקגעפלויגען מאָנטאָג ביי-טאָג פון לאָדז קיין וואַרשוי.

פאר זיין אָוועקפליהען האָט ער געמאַכט איינינע „סעאַנסען״ פאר אַנ׳געבענטן קרייז און איז געפלויגען מיט א גאַנצער רייהע פּאַסאַזשירען. צווישען אַנדערע זענען מיט איהם געפלויגען שטילערמאַן, טהאָמון, הערינג, גלאָגאָווסקי און אַנדערע.

ער האָט אויך פאר זיין אָבריזע געמאַכט א שפּאַציר אויף זיין אַפּאַראַט מיט׳ן יונגען שטייגערט און גוט פון זיין פּאַטער און דאַן צוריקגעקומען קיין לאָדז.

קיין וואַרשוי איז ער אַריבערגעפלויגען צוזאַמען מיט׳ן סטודענט שאַבאַר.

פון טעקסטיל-מייסטער-פעראיין.

דאָס ביוראָ צו שאַפען שטעלעס פאר פּאָסטענלאָזע מייסטערס ביים טעקסטיל מייסטער-פעראיין מאַכט בעקאַנט, אז ס׳איז פאַרהאַן א פרייער פּאָסטען פאר א העב-מייסטער אין דער קליידער-שטאָף-בראַנזשע. מען קען ווענען דעם פּאָסטען נאָכפרעגען אין לאָקאַל פון מייסטער-פעראיין פון 7 ביז 9 א זייגער אין אָוונט.

אַ דין-תּורה צווישען קברות-לייט און מצבה-קריצער.

(ג) נעכטען אין אָוונט איז אין דער גמינע-קאַנצעלאַריע אונטער׳ן פאָרזיץ פון היגען רב מיט דער בעטייליגונג פון איינגע דאָזאָרעס און כלל-טוער פאָרגעקומען א דין-תּורה צווישען די בעאַמטע פון יודישען בית-עולם און די מצבה-קריצער, וועגען דעם פערבאָט פון דער יודישער גמינע פאר די מצבה-קריצער אַריינצופאָהרען מיט וועגען אויפ׳ן בית-עולם. די בעאַמטע פון בית-עולם האָבען געטענה׳ט, אז צוליעב דעם וואָס די מצבה-קריצער פאָהרען אַריין מיט זייערע שווערע לאַסט-וואָגען אויפ׳ן בית-עולם ווערען צושטערט פיעל קברים און ס׳ווערען צובראָכען מצבות.

די מצבה-קריצער וויעדער האָבען געטענה׳ט, אז די בעשולדיגונג איז נישט בעגרינדעט און אז דעם גאַנצען ליאַרם האָבען אַרויסגערופען פעראינטערעסירטע פערזאָנען צוליעב פערזענליכע צוועקען, כדי דורך דער דערמאָהנטער בעגרענצונג זאָלען זיי קענען אויסנוצען די געלעגענהייט און אַליין אָננעהמען בעשטעלונגען אויף מצבות. : מסהערענדיג די טענות פון ביידע צדדים און אויספאָרשענדיג יעדערן בעזונדער האָט די דין-תּורה אַרויסגעגעבען א פּסק, לויט וועלכען די מצבה-קריצער האָבען דאָס רעכט אַריינצופאָהרען אויפ׳ן בית-עולם פון 8 ביז 4 נאָכמיטאָג, דערביי זענען אַלע מצבה-קריצער פעראַנטוואָרטליך פאר די שאָדענס וואָס וועלען געמאַכט ווערען דורך איינעם פון זיי. די בעאַמטע פון בית-עולם איז נישט פערבאָטען צו מאַכען קליינע אויסבעסערונגען ביי מצבות און קברים. אין פאַל אז אין דער גמינע-קאַנצעלאַריע וועלען אָנקומען ביז דריי אָנקלאַגעס, אז די מצבה-קריצער מאַכען שאָדענס אויפ׳ן בית-עולם דאַן וועט זיי אינגאַנצען פערבאָטען ווערען דער אַריינפאָהר מיט די לאַסט-וועגען.

פערשיעדענעס.

די פירמע „קאַווקאַז און מערקורי״ האָט איהר פערטרעטונג אין לאָדז איבערגעגעבען ה׳ מ. קאַלעצקי, וועלכער בעזיצט פיעל סקלאַדען און קאָלערען ביי די באַהנ-סטאַציעס.

— דעם 11 אויגוסט ביימאָג וועט אין מאַגיסטראַט פאָרקומען ליציטאַציעס אויף איבערצונעהמען די נעווילבלעך און די האַלטען אויף ניעם רינג.

— די 8-קלאַסיגע גימנאַזיע פון ה׳ לעהר וועט זיך פון אויגוסט געפינען אויף דזשעלנא 71 אין הויז פון אַרכיטעקטאָר יעקב ניימאַן. דאָס לאָקאַל איז איינגעאָרדענט לויט די נייעסטע פאָדערונגען פון היגיעניע און טעכניק.

— די 5-טע לאָדזער לייה-און שפּאַר-קאַסע איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען אויף וואָלטשאַנסקא 129.

— דער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר האָט ערלויבט די ה״ה ט. און מ. פּיקעלני אויסצובויען. א מעכאַנישע וועבעריי אויף ציעגעל-גאַס 104 און ה׳ א. רייזמאַן—א שפּינעריי און א וועבעריי אויף שרעדניא 80.

— אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פּריזיוו-קאָמיסיע האָט מען בעזיכטיגט 12 פּריזיווניקעס. 6 האָט מען בעפרייט, 5 צוגענומען צום מיליטער-דיענסט און איינעם געשיקט אין שפּיטאָל.

— (ג) דער „סוחרים און פאַבּריקאַנטען-פעראיין״ טראָגט זיך די טאָג איבער אויף פּעטריקאָווער 89.

— (ג) צוליעב דער אומגליקליכער גאָרטען-פערווילונג פון „לינת הצדק״ איז דער פעראיין איצט אַריינגעקומען מיט א ביטע צום פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר וועגען ערלויבען איהם איינצואָרדנען אין העלענענהאָף דעם 4-טען אויגוסט א צווייטע גאָרטען פערוויילונג.

— (ג) צוליעב „יאָהאַנע״ האָט מען זיך נעכטען אין אונזער שטאָדט אָנגעהויבען איבערצוציהען אין נייע וואוינונגען. ווי ס׳בעהויפּטען אַלטע לייט, געדענקען זיי שוין לאַנג נישט. אז מען זאָל זיך אזוי פיעל איבערציהען אין נייע וואוינונגען ווי הייאָהר.

— (ג) דער באַלוטער רב ר׳ ישראל פריידעל האָט בעקומען פון פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר און פון דער יודישער גמינע א מאָנאַטליכען אורלויב און פאָהרט אָוועק קיין אויסלאַנד.

— (ג) צוליעב א פּראָטעסט פון צוואַנציג מיטגליעדער פון „קאָמי-פעראיין״ (פּראָמענאַדע 21) זענען א בעשלוס פון דער פערוואַלטונג פון פעראיין, וועט היינט אין אָוונט אַ אַנ׳אויסערגעוועהנליכע פערזאַמלונג פון די מיטגליעדער וועגען אויסגלייכען דעם קאָנפליקט צווישען דער פערוואַלטונג און די מיטגליעדער.

— (ג) די גמינע-קאַנצעלאַריע בעט אונז אויפמערקזאַם צו מאַכען, אז די פערזאָנען וואָס האָבען איבערגעלאָזט אין גמינע-קאַנצעלאַריע די פּעסער פון פערשטאָרבענע און זיי געפינען זיך אויף זיי צונעשריבען, זאָלען זיי די פּעסער אָבנעהמען, ווייל די פּעסער וועלען די טעג איבערגעגעבען ווערען דער געהעריגער מאַכט און שפּעטער וועט זיי זיין שווער אַרויסצובעקומען.

— מאָרגען, דאָנערשטאָג, אָרדענט אין דער פעראיין „חובבי שפת עבר״ אין איינציגען לאָקאַל (פּראָמענאַדען 21) א פאָרלעזונג אויף העברעאיש פון ה׳ מ. נ. ביסטריצקי אויף דעם טעמאַ: „אַלטנייעלאַנד אין לעבען״.

דער גאָרטען-פעסט פון דער „נייער לאָדזער צייטונג״.

נעכטען אין אָוונט איז אין העלענענהאָף פאָרגעקומען א גרויסער גאָרטען-פעסט פאר די אַבאָנענטען פון דער „נייער לאָדזער צייטונג״, וועלכע האָבען נעהאַט א היין פרייען איינגאַנג.

אין דער פערוויילונג האָבען זיך בעטייליגט פיעל טויזענדער פערזאָן פון אַלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, און דאָס פּראָגראַם, וועלכעס איז געווען זעהר אינטערעסאַנט און נעשמאַקפול צוזאַמענגעשטעלט, איז אַראָב מיט׳ן גרעסטען ערפאָלג.

אין גאָרטען האָבען געשפּיעלט צוויי מוזיק-אָרקעסטערס, ס׳זענען אויך פאָרגעקומען שענע נעזאַנג-נומערן פון א געזאַנג-פעראיין, פּוס-באַל, איבונגען, פייערווערק א. ז. וו. דאָס פּובליקום האָט זיך אויסגעצייכענט אַמוזירט.

נאָכ׳ן פּראָגראַם איז פאָרגעקומען א באַנקעט אין וועלכען ס׳האָבען זיך בעטייליגט אויסער די מיטגליעדער פון דער „נייער לאָדזער צייטונג״, אויך פערטרעטער פון דער פּרעסע און פיעל אָנגעזעהענע פּערזאָנען. ס׳זענען געהאַלטען געוואָרען פיעל טאָסטען און דער עולם האָט אויסגעצייכענט פערברענגט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דער בענעפיס פון ה׳ אַלעקסאַנדער שיעלסקי.

מאָרגען, דאָנערשטאָג, וועט אין העלענענהאָף פאָרקומען דער בענעפיס פון דעם טאַלאַנטפולען דירעקטאָר פון׳ם סימפאָנישען אָרקעסטער ה׳ אַלעקסאַנדער שיעלסקי. ה׳ שיעלסקי איז דעם היגען פּובליקום גוט בעקאַנט אַלס טאַלאַנטפולער מוזיקער און דירינענט און זיינע קאָנצערטען אין העלענענהאָף זענען תמיד אַראָב מיט׳ן גרעסטען ערפאָלג. ס׳איז צו ערוואַרטען, אז דער מאָרגענדיגער בענעפיס-קאָנצערט פון אַזא בעגאַבטען מוזיקער ווי ה׳ שיעלסקי, וועט זיין גוט בעזוכט.

פאַרפאַלען.

זיך דערשאָסען א גאָרדיראַטעל.

(ג) נעכטען אַרום 2 א זייגער ביי טאָג האָט זיך אין זיין וואוינונג אויף ליפּאָווא 82 דערשאָסען מיט איינינע רעוואָלווער-קוילען אין קאָפּ דער 48 יעהריגער גאָרדיראַטעל פון דער טאָרמע אויף מילשאַ גאַס, וולאַדיסלאַוו נאַנאַלעווסקי. בעת מען האָט דאָס בעמערקט איז ג. שוין נעווען טויט.

אַרעסטען.

געהיים-אַגענטען האָבען אויף דער גאַס אַרעסטירט דעם בעוואוסטען גנב און שווינדלער סטאַניסלאַוו נאָוואַק, 23 יאָהר אַלט, ביי וועמען מ׳האָט געפונען נעוועהר, א לאַנג מעסער און א פאַלשען פּאַספּאָרט.

פון דער פּראָווינץ און דער סביבה.

(פון אונזערע ספּעציעלע קאָררעספּאָנדענטען).

קאַליש.

צו דער גרויסער קאַסע-גנבה.

וועגען דער גרויסער קאַסע-גנבה, וואָס איז די טעג פאָרגעקומען אין באַנק פון לואי מאַמראָט האָט די פּאָליציי פעסטגעשטעלט פאָלגענדעס: די גנבים האָבען אויפגעבראָכען די אייזערנע קאַסע אין באַנק און אין זייערע הענד זענען אַריינגעפאַלען פערשיעדענע ווערטפּאַפּיערען אויף א סומע פון 45,000 ר׳, טייערע חפצים אויף א סומע פון 8000 רובל, ווי אויך 7000 ר׳ מזומן געלד. פון די קאַסע-ברעכערס איז קיין שום שפּור נישטאָ. די פירמע האָט בעשטימט א גרויסע בעלוינונג פאר געפינען די גנבים.

אַבקלאַגנען פון חלול-הקודש איבער די 2 ספרי-תורות.

זדונסקא-וואָליא.

ווי מיר דערוויסען זיך איז דער חלול-הקודש וואָס איז דאָ ביי אונז די פאַרגאַנגע וואָך אויסגעפיהרט געוואָרען דורך דעם היגען משוגענעם דוד, א בעהיצו דערציו איז דאָס אין די חסידים וועגען געקומען פּרעמאַג צוגעלאָזט אין שטיבעל דאָרט האָבען זיי דאָרט געפונען א קראַוואַט וועלכען מען האָט דערקענט אַז דאָס געהער צו דעם משוגענעם.

געבראַכט צו דעם נעראַנק האָט איהם די עהנליכע געשיכטע וואָס איז פאָרגעקומען אין ציעכאָציינעק און ווערענדיג וועגען דעם חלול-הקודש וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען האָט ער זיך מקנא געווען און יענעם משוגענעם און ער האָט אויך זיין תאוה ערפילט.

— אונזער שטאָדט ווערט פון איצט אן האָבען א שטענדיגען סוחרעבנע סלעדאָוואַטעל איבער וויכטיגע ענינים. ביז איצט פלעגט מען די אויספאָרשונג פון היגע ענינים אָבשיקען קיין שעראַדז, נאָר צוליעב די לעצטע געשעהענישען אין אונזער שטאָדט ווי עס געשעהט אָפט גנבות און אַנפאַלען, האָט דער קאַלישער גובערנאַטאָר בעשטימט פיר אונזער שטאָדט און אומגעגענד א בעזונדערען סלעדאָוואַטעל.

זאב.

אָזאָרקאָוו.

וואָכענטאָג ביי טאָג איז אין היגען „געגענזייטיגען קרעדיט געזעלשאַפט״ פאָרגעקומען אַנ׳אויסערגעוועהנליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג. אַלס פאָרזיצענדער איז אויסגעוועהלט געוואָרען ה׳ א. קראַנהייס, וועלכער האָט צו זיך אַלס אַססעסאָרען ה׳ י. צעדראָווסקי און ה׳ מ. שטיינבערג. ה׳ ה. פּראַנגלער האָט פאר אויף צו אונטערשרייבען דער אינסטיטוציע אַרמאַנצובערגונגען א סומע פון 60,000 רובל פאר קליינע פּראַצענטען. 30,000 רובל גיעם ער שוין און 20,000 רובל אין א קורצע צייט. דער פּראָיעקט איז באַלד מיט פיעל דאַנק אָנגענומען געוואָרען. ס׳איז אויך באַלד פאָרגעקומען די בעשטעטיגונג פון בייזושע פאר׳ן קומענדיגען יאָהר. מיט א מעהרהייט פון שטימען איז געוועהלט געוואָרען אין פערוואַלטונג ה״ה ה. פּראַנגלער (פּרעזעס) ד״ר קראָקין, מ. ו. פּאַרוינטשעווסקי. אין ראַט די ה״ה ש. וואַלדמאַן (פּרעזעס), ש. באַרטשינסקי, קראַנהייס, י. מ. בערנשטיין, א. ש. רייכבערג, ש. י. אש, ו. קרישעק, מ. שטיינבערג, ח. ווייזן, מ. פאָגעל, י. צעדראָווסקי.

—א

פּאַביאַניץ.

צוליעב די פּאָסטע שרפות, ביי אונז אין שטאָדט האָט די פּאָליציי פּעראָרדענט איינגצוליגען דריי וואָלמוטערע העמער אויף הערשאַוסקאַ גאַס.

אזוי ווי פון די שרפות האָבען לעצטענס געליטען מעהרסטענס יודען, האָבען פיעל יודישע יונגע לייט זיך איצט איינגעשריבען אין פייער-לעשער-קאָמאַנדע, כדי אזוי אַרום צו בעשיצען די יודישע איינוואוינער פון אונזערע נאַכבאַרשאַפטען.

— דעם 24 און 26 יולי ווערט זיך אָרגאַניזירט וואַסער צושטעלען ביי דעם היגען פּאָליציי-מייסטער.

N. D.

בוזשעשין.

אין דער נאַכט פון פרייטאג אויף שבת אַרום האַלב צוויי א זייגער איז דאָ אין סאַבינסקיס הויז אויף שלא גאַס 162 פון אַנ׳אונבעוואוסטער סבה אויסגעבראָכען א שרפה. איידער מ׳האָט נאָך בעוויזען צו געבען סיגנאַלען אויף פייערלעשער, די פייער-לעשער, איז דער אונטערשטער היילצערנער פּנים וואָס מ׳האָט געוואוינט טעליג אַרימע אין קראַנקע יודישע פאַמיליעס, נעשטאַנען אין פלאַמען, אזוי אז ווענען אַרויסטראָגען עס איז גאָר קיין רייד נישט געווען. דעם צוזאַמענגעלאָפענעם עולם האָט זיך קוים איינגעגעבען אַרויסצוטראָגען פון דאָרט 2 קראַנקע, וועלכע וואָלטען אַליין זיך געהיים נישט געקענט אַרויסראַטעווען. דאָס בייטעל בעל-הבתישקייט, וואָס מ׳האָט אָבגעראַטעוועט איז צובראָכען און צעריסען... די אָנגעקומענע פייער-לעשער האָט זיך נאָך אַנ׳ענערגישער אַרבּייט אייגענטליך נישט צו דערלאָזען דאָס פייער צו דער פּאַרטערעס געבייד.

— וואָכענטאָג איז דאָ אַלעקסאַנדער צוויי געגאַנגען א שטאַרקער שלאַקס-רעגען און א גרויסער שטורעם-ווינד. דער רעגען האָט אין די ערומיגע נעררעטער געמאַכט א בעדייטענדען שאָדען.

ישראליק.

משענסטאָכאָוו.

ווי מיר האָבען געהאַט מיטגעטיילט, איז מיט א קורצער צייט צוריק אין משענסטאָכאָוו פאָרגעקומען אַנ׳אָנפאַל אויף דעם רעסטאָראַן פון ה׳ קאָנאָפּקאַ און דערביי האָבען די באַנדיטען ערמאָרדעט דעם אָנגעשטעלטען באָגומי-לינקאַ און צוגערויבט פערשיעדענע זאַכען און 300 רובל געלד.

איצט האָט זיך די משענסטאָכאָווער פּאָליציי איינגעגעבען צו אַרעסטירען איינעם פון די מערדער, א געוויסען גראַבאָווסקי, א געוועזענער קעלנער, וועלכער האָט זיך אַרומגעדרעהט א לענגערע צייט אָהן אַרבּייט.

— אין אָנהויב פון היי-יעהריגען שול-יאָהר עפענען זיך דאָ צוויי יודישע מיטעל-שולען, איינע פאר מעדלעך און די צווייטע פאר יונגלעך, אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען פּעדאַגאָג ה׳ ל. לוריע, דירעקטאָר פון דער יודישער מיטעל-שולע אין פּאַביאַניץ.

S. F.

טאָמאַשאָוו.

א רעגיערונגס-גימנאַזיע.

(ש) מיט דער ערלויבניש פון מיניסטעריום פון פאָלקס-בילדונג עפענט זיך דאָ אין חודש אויגוסט א שטאָדטישע מענער רעגיערונגס-גימנאַזיע. פון אָנהויב פון ערשטען שול-יאָהר, ווערען ביי דער גימנאַזיע געעפענט דער פאָרבערייטונגס קלאַס און די ערשטע דריי קלאַסען. יודען וועלען אין גימנאַזיע אָנגענומען ווערען לויט די פּראָצענטנאָרמע, פון אַלע אַנדערע רעגיערונגס גימנאַזיעס.

לאָדזער בילדלעך.

ראש השנה פון דירות.

דער ערשטער יולי איז אין לאָדז—דער ראש השנה פון דירות.

איך זאָג אין לאָדז, אייגענטליך איז איצט אין גאַנץ פּוילען יאָהאַנע-צייט—א צייט פון בייטען די דירות, אָבער אומעטום איז נישט דער גאַנצער ברען אין יאָהאַנע, מען קען אַנ׳אַנדער מאָל אויך וועקסלען די דירה. אין לאָדז אָבער איז כתוב וחתום, „ם 1 יולי̇ וח כד 1 יולי הבא עלינו לטובה״.

בין איך מיר געזעהן א ייד וואָס האָב נישט געקענט לאָדז קוים איך דאָ מיר דינגען א דירה, בין איך מיר נישאָהנט, אז אין פּיערשיערענע שטעדט דינגט מען אויפ׳ן קוואַרטאַל, אין וואַרשאַ גאָר אויפ׳ן חודש, מיין לאָדזער הויז-הערטה, וויל אָבער נישט דאָס, ער היל איך זאָל מיט איהם מאַלד התונה האָבען.

— ר׳ ייד וועקסלעך.

— וואָס פאר׳ע וועקסלעך—טענה איך—כ׳מאַך מיט אייך עפּעס א מסחר ? כ׳קויף סחורה אויף באָרג ? צי בין איך א פּעקילנעהמער ?

— אַנדערש געהט עס נישט אין לאָדז, וועקסלעך אויף א גאַנץ יאָהר.

געהערט א גאַנץ יאָהר איז מיר פּשוט נישט-גוט געוואָרען.

— ס׳טייטש ? ווי אזוי קען איך מיר פּערזיכערען אויף א גאַנץ יאָהר ? און ווי עס מאַכט זיך מיט א מענש ? קען איך שרייבען א פּרייבט אויף מיר אויף א גאַנץ יאָהר פּאָראויס ? ווייס איך דען וואָס אין א יאָהר אַרום אַצ וויין ? — —

— אז ווי איהר ווילט, אַנדערש וועט איהר אין לאָדז קיין דירה נישט דינגען.

בלויב איך מיר, מן המתם, דאָס נישט בז און געהט וובען ווימשער, אָבער א רעכטמיגער יאָג, אַלע ווילען נישט אַנדערש נאָר „וועקסלען״.

סידאַ פערפאַלען האָב איך מיך נעמוזט אונטערקויצען און שרייבען „וועקסלען״, א ברירה האָט מען.

נאָר דערנאָך האָב איך ערשט געוואוסט וואָס עס הייסט א דירה אין לאָדז.

געוואוינט געוואוינט אין וואַרשאַ האָב איך נאָר מיר פערגעסען אויסצורעדען ערע 7 זאַלען האָט א לאָדזער רעדט זיך אויס.

איז געזעהן גוט יום-טוב.

וואַסער,—ווער וואַסער ? וואָס וואַסער ? — וואַסער קען מען אפשר האָבען, נאָר דער סטרוזש מוז פריהער וועלען דרעהן די קאָרבע, און נישט תמיד וויל ער, און נישט תמיד וויל אויך די קאָרבע, א מאָל זאָגט ער „סטאָפּ״ איבערהויפּט וואָכטאָג און „שמיענמא״ און א מאָל זאָגט זי, די קאָרבע, סטאָפּ, אפילו גלאַט אין א מאָנטאָג צי א מיטוואָך. — איז אויס וואַסער.

און איז שוין דאָ וואַסער, ווי מוחל שטעל אין א גלאָז און קוק אַריין דערין—אָ ! אָ ! רו רורפּטס נאָר נישט זיין קיין באַקטעריאָלאָג, קוק און זעה ; היה׳לעך מכל המינים א גאַנצער „יריד״, עס איז א חיים, א שוואַרץ עס איז א לאָדזער מבול און עס א בקיקאָטיפּסט און אַלע צאַפּלען זיי אָווי אַרום... הע, א שענע וועלט !

און איצט, געה זיי מוחל און טרונק דאָס אויס.

און דאַן—אוי, וועה, פע, פערמאַכט נאָר גיך דאָס פענסטער ! פע פע און פע !

— וואָס איז עפּעס א וועלכעס ? מען ווערט דאָך דערשטיקט !

— ס׳איז שוין רעכט, ס׳איז לאָדזעריש.

— עפּיס אַלע טאָג איז „לאָדזעריש״ ?

— א קשיא אויף לאָדז.

און דאַן פון גאַז, עלעקטריק—פערגעסען אין מ׳דוב דירות. ווי ? ווען ? — נישטאָ !

און דאַן א ביסעל פּמלקיום, א ביסעל טאַראַקאַנען, און א ביסעל אַנדערע נוטע זאַכען—יאָ, לאָדזער דירות האָבען אַלע מעלות.

און קומט דער ערשטער אָקטאָבער, דאַן געהט ווער געה׳הרג׳עט, שטעהט אָב א גאַנצען טאָג אין א באַנק „ביי טשערעד״ און הער דערדריקט און דערשטיקט, ביז עס געלינגט דיר שוין צו צאָהלען דעם וועקסעל.

דעם „וועקסעל״ פאר דער דירה מיט אַלע מעלות.

* *

און זעה איך איצט יולי-צייט, ווי לאָדזער מענשען שלעפּען זיך און ציהען זיך איבער מיט זייער ביסעל בעבעכעס מגאָס לגאָס און מדירה לדירה, טראַכט איך מיר :

— לאָדזער יודען, וואָס פאַרע שוטים איהר זענט ! וואָס געהט איהר וואָלען אין לאָדז בעסערם ? וואָס טוישט איהר איינער דירה גאָר ? איהר טוישט שלעכטס אויף שלעכטס, וואָס איהר מיינט מאַקי דאָרט וועט זיין בעסער, אסור א פּיצעל. לאָדז איז לאָדז, אומעטום דאָס זעלבע. אויב איהר זענט פון היטעל פערמשפּט געוואָרען אָבצוקומען א ביסעל יאָהר אין לאָדז—קומט אָב ווי עס איז און זעהט אַרויסצוקומען פון דאָרטען וואָס פריהער, זעהט בעסער איהר זאָלט אין גאַנצען אויסגעלייזט ווערען פון לאָדז. צו וואָס בייטען די דירה, בייט די שטאָדט בעסער ! — —

* *

נאָר א מין שעה איז אויך געלעבט, און איצט איז דאָך אין לאָדז א אַנדערע בעציהונג צו ווירטס-לייט.

קיין „וועקסלען״ ניעט מען שוין נישט אזוי פיעל. עס הערט שוין אויף ! די בעלי-הבתים הייסען שוין דערלאָזען. נאָר זיי שווייגען און מאַכען דערלאָזען א סוף. דירות איז איצט דאָ אין לאָדז געגוג און נענוג, ווייל פיעל זענען אָבגעפאָהרען פון לאָדז די לעצטע צייט און פיעל חבוער זענען צוגעקומען און די בעלי-הבתים נעהמען דערבייער פּוצען די הייזער און מאַכען „פּאָנשאָגרעקער״, ציהען שוין אַריין גאַז צו עלעקטריק, האַלטען שוין נישט אזוי שטאַרק פון מכת „וועקסלען״, זיי ווילען אפילו נאָך רייסען א פּאָס, אָבער ווי לאָזען שוין פיעל אַראָב פון „יענע״ פּרייזען.

ועל כולם האוויר איז דעם האָט דאַרף נישט צו האָבען קיין דירה אין לאָדז און דאַרף נישט אָנקומען צו לאָדזער ווירטס-לייט...

צבי.

אנגעקומענע סוחרים.

האטעל „גראנד“.

פינקוס, חיידען, טוקטין, הירשבאנד, נעלג, עמינגער, גאהדזעצקי און אייגער—ווארשא; גארנעט—מארגאוו; פאליאקאוו—יעקאטערינאסלאוו; שאפיל—פעטערבורג; פרעלבראנד—קאליש; שיצמאן און קרופניק—קיעוו; קאפמאן—עדעס; פליאנט—ראסטאוו; גאראדיעצקי און גאמבערג—ניקאלאיעוו; פישמאן, און סמאראדינסקי—קרעמענטשוג; קישקעל—קאליש; דעיבמאן—כערסאן.

האטעל „וויקטאריא“.

בריקער און מיכעמלאווסקי—ניקאלאיעוו; דיענטיארעוו—טולא; פייגין און יאנאווסקי—פעטערבורג; קאליוזשני—קיעוו; ושדאנאווסקי—פעטראקאוו; דאמבראווסקי—לאחוויטש; חמיעלאוו און טושעניעסאוו—סעווואסטאפאל; פאפיעלין—ראסטאוו; שטערן—קרולעוויעץ; באלאטניקאוו—מאסקווע.

3 צימער עט קיכע

מיט אלע בעקוועמליכקייטען ואפארט צו פערמיעטען, נעוושער 11. צו ערפאהרען בעי י. ם. שיפער.
283

העפטערס ווערען געזוכט

אין דער שאלטעל-פאבריק, חידזעוווסקא 80 קאנער אפיצינע, 1-טען שטאק, קאפלאוויטש
284 1—

א פרוי אדער פרוילייו

מיט מיטעלע בילדונג איז נויטיג צו קינדער און צו די היוטשאפט אויף זומער-וואהנונג. צו ערפארגען אין אמונג-מעבעל-געשעפט דזיעלנא שטר. 11 בעי י. ב. וועלקאוויטשקי.
285

וועשנעהערין

ווערט ואפארט געזוכט, וואלטשאנסקא 68, פראנט אין לאדען.
288

אין לאדען

אין בעסטען צענטרום פון גרינען-מארק, וויא אויך אייו עבסט-קעלער און געמויערטע רעמיזען, אויף פפערדע-שטאלער, אלעס ואפארט צו פערמיעטען. צו ערפארגען פעטראקאווסקא 47 בעים אינהאבער פון דעם גרונדשטיק.
289 3 1

האטעל „סאוואי“

ווייזענגארד—סאסנאוויעץ; אוחאשענקא—טומא; דעמבינסקי, גירשאפט, דיקשטיין, ליקער, וויינשטאק, מאנסקי, גלאטנעוויטש און הארטמאן—וואשא; מעי—קיעוו; שחאלבע—מאמאשאוו; קאצענעלזאהן — יעקאטערינאסלאוו; וועטש, בעראנאוו און סירעוו—פעטערבורג; הינדעראוויטש — ראוונאו; קרעמער—גראדנא; דאנקין—מאהילעוו; וואסקאבאינוק—חארקאוו;

האטעל „פאלאסט“

צעציאר און גאסיעלסקי — סטאהראפאל; מאוועל—מאהנא; אוערבוך, דעוו, גאלדשמיין, קוסין, מינקאוו, שפעטנאנג, זייבערשטראם און האלפערן—ווארשא; הייניסטיק און נייפאן—ראדאם; געבריזער פערכאוו—אורעל; גירקאן—וויטעבסק; עסקין—קראסנאפאל; נלעמבעצקי—ווילנע; ללאחימש—באכמוט; באסקין און פאלקאוו—רינא; יבמאנאוויטש — מייקאפ; לעוואוו—כערסאן; דובינסקי—אדעס; הייגערמאן—קאהנא; פרענקיעל—בערדיטשעוו.

האטעל „בריסטאל“

שערעשעווסקי—בארנאוויטש; בערלינער, מאנאווינער און קאבילאנסקי—בערדיטשעוו; וואסקאבאיניק און סטרעושעווסקי — גייסין; באנוסאווסקי—מעדזיעדעווקאס; גערסאן און קוזינעצאוו — יוזאווקא; שקאלניק — קיעוו; ראטנער, סידערמאן און בערגער—מינסק; רעיטיך, זילבערמאן און בערשאדסקי—קישינעוו; דיל—ראהנעיע; בערגער, פעפערמאן, מענגעל, קריצער און פעניבשטיין—ווארשא.

האטעל „פאסאוש“.

נאוואק און גרינבערג—ושימאמירו ישראלסקי און שערמאן—קיעוו; קאגאן און מוליער—פינסק; נאטטמאן — סינק; שומליער — ביאליסטאק; גאלדענבלאנק—קישינעוו; גאלדהערק—פאלטאוואן שטעקעלמאן—בערדיטשעוו; שטעפלסקי, דובינסקי, ספיוואק און ב ערסקי—באלטא; נעגמאן—ושיטאמיר.

רעדאקטאר: י. אונער.
טרויעראנטען: (ע. האמבורסקי. (א. טענענבוים.

גרויסעס מעזעאט... דיר. י. זאנדבערג.

היינט מיטוואך, לטובת דעם פעראיין פון מאנופאקטורען-ווארען-פערמיטלער

Въ пользу Общества Посредниковъ по сбыту мануфактурныхъ товаровъ Лодзинскаго района.

זיין וויב'ס מאן

אין דער אפערעטע בעטייליגען זיך די בעסטע קרעפטע פון אונזער בעהאוסטען אנסאמבעל. די איבערגעבליבענע בילעטען בעקומט מען היינט א גאנצען טאג אין דער קאססע

מארגען דאנערשטאג גרויסע אפערעטען נאוויטעט

נייעס!

די שבועה

אדער די יודישע

ראמעא און יוליא

אנאנס. א זעלטען פרעהליכע נאכריכט

די גרויסע קינסטלערין די איינציגע יודישע דראמאטישע שוישפילערין

מיסס מאלווינע לאבעל

קומט נאך לאדז נור נאך אויף צוויי גאסטראלען.

שבת ד. 5/18 און זונטאג ד. 6/19 יולי אויפטרעטען מיט די גרויסע קינסטלערין

שבת צו-נאכטס ד. 19/5 יולי אין אלטער ברוינ'ס טעאטער

יעדע פרוי ווי זי ליעבע זוכט.

זונטאג ד. 6/19 יולי 1914. בענעפיס העררי גוטמאן

פונ'ם קאסירער דעם גרויסען מהנאטער לעצטער אבשיעדס נאסטראל פון דער געפייערטער קינסטלערין מיסס מאלווינא לאבעל

פאר איהר אבריזע נאך אמעריקא. נעשט. וו. דעם טעאטער פון אלעקסאנדער ביסטען

מאדאם איקס

מאדאם איקס - מיסס מאלווינע לאבעל. בילעטען נור אין די קאסע פון טעאטער.

עם ווערט פארבערייטעט צום אויפפיהרען דאס סענסאציאנעלע לעבענסבילד מיט געזאנג און טענץ פון א. ס. ושארש רעזשיסירט און מצעניערט פון מ"ר מ. ד. וואקסמאן.

די בריליאנטענע דאמע

פראטעסטען

פון א געשעה. ארוואקאט ווערען אנגענומען פאר ארעסא, ניקאלאיעוו, כערסאן, קישינעוו, בענדערי.
7220

האטעל „סאוואי“ № 527 פון 2 ביז 4 און פון 6 ביז 8.

די ערשטע ווארשויער ערצטליכע דענטיסטען-שולע

פון צאהן-ארצט ל. שימאנסקי

עקזיסטירט פון יאהר 1897, ווארשוי, נאוואמיאדאווא 1, עפפענט פון 14-טען אקטאבער. פראגראם צו בעקומען אויף פערלאנג. פיר גוטע פארטשריטע איז בעשטימט געווארען א סטיפענדיום, וועלכע איז בעשטעטיגט דורכ'ן מיניסטער פון אינערליכע ענינים. די שולע איז אויף דער אלרוסישער היגיענישער אויסשטעלונג בעשאנקען געווארען מיט א מעדאל.
5729 6 3

Dr. med. Leyberg

קרוטקא 5 טעל. 26-50

ספעציאליסט פיר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען. עמפפאנגט פון 1—10 און פון 6—8 נאכמיטאג. פרויען פון 5—6. (פיר פרויען א בעזונדער וואַרטע-צימער).
5050

ZAHN-ARZT

I. KARMAZYN

2 פאלודניאווא 2

איז צוריקגעקעהרט.

שמערצלאזעס צאהן-ציהען. ספעציאליטעט גאלד-פלאמבען און פערצעלאן-קראנען נעמט אן פון 9—1 און פון 3—7 אבענדס.
5541

לעהריונגלעך

5851

אין עלטער פון 14 יאהר, קענען זיך מעלדען אין דער בוכבינדעריי ע. סאדאקיערסקי ושעלאנא 27

א לאדען

לאנג אמנג, שוה-געשעפט געצמסט טנגרענצענדער וואהנונג ואפארט צו פערמיעטען גלובנא 6.
272 1

צו פערמיעטען

פער ואפארט אויף וגערושער שטר. 80 פערשיעדענע וואהנונגען צו 2 צימער עט קיכע אונד צימער עט קיכע אויף ענצעלנע צימער אונד רעמיזען. צו ערפאהרען בעים הירט שלמה גראסס נאוואמיעסקא 21.
234 3 3

באלטשיא פאמעראנץ פון לאדז.

יוסף מאיר גראבינסקי פון דעמבין

פערלאבטע

לאדז, יולי 1914.
274

א געשעפטס-לאקאל

בעשטעהענד אויס 7 פענסטער, פארטער, ואפארט צו פערמיעטען, פעטריקויער 91.
275 3 1 H. Weinberger.

ענצעלנע וואהנונגען

מיט וואסער-לייטונג אויף פערוושעטע (יודישע) גאס 29 ואפארט צו פערמיעטען.
280 2 1

א רעמיזע

אויך קעלער-צימער צו פערמיעטען, פעטריקויער 36. 6837 10 3

2 צימער און קיכע

3 שטאק מיט בעקוועמליכקייטען צו פערדינגען פעטריקויער 60.
0 5 4

עס ווירד געזוכט

לערנינגלעך מיט באלדיגע צאהלונג, וויא אויך ארבייטערס צו דאמען-שניידער-ארבייט, בעי ד. קאהן, פעטריקויער 59.
282

ס'איז פערלוירען געווארען

א טאמיזונג אויף 10—ר' אויסשטעלער ה. בלומאוויטש, פער 27/7, עס ווערט באטר אונגילטיג ערקלערט. אבצוגעבען חידזעוווסקא 18 צו רעמבוים.
286

קאנצערט-גארטען „מאנטיפעל“

טעגליך קאנצערט

פון ווארשויער סימפאנישען ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' בראניסלאוו שולץ, פראפעסאר פון ווארשויער מוזיק. גזעצל. אנפאנג חדש 9. אם זאן- און פייערטאגען 8 אוהר. ענטרעע 50 קאפ. שילער 20 ק. סימפאניע-קאנצערט 75 ק., שילער 30 ק. אבאנאמענטען 4.80.

סלאדזינעס ביליג

מיט 15 קאפ. א 1/4 ביי געהליך און אנשטאדט, ביי די פערקויפערס ראקאטין און קרוויץ.
281

היטעט זיך פון אונטערשטעלונגען!

הערמיט מאך איך מיין געעהרטע קונדשאפט בעקאנט, אז אונאבהענגיג פון דער ביזיעצטיגער פערטרעטונג פון דער „אריענטגעזעלשאפט“, וועלכע איך פערטרעט אויך ווייטער, האב איך איבערגענומען פאר'ן היגען פלאץ די פערטרעטונג פון דער געזעלשאפט

„Kaukasus & Merkur“

וויא אויך די שטאדט-כטאציע פון די דרום-מזרח-באהנען.

איך בעמערק אויך דאבי, אז איך האב אויף אלע היגיגע באהנסטאציאנען וויא: לאדז-פאבריקבאהן, לאדז-קאליש און לאדז-קאראלעוו גרויסע מאגאזינען אוי גרויסע קעלערן מיט שיענענאנשלוס, אזוי או האנאלאדונגען קענען דירעקט אין מיינע רוימע צוגעשטעלט ווערען און דאדורך שטעלען זיך די ראללשפעזען זעהר ביליג.

מ. מ. קאלעצקי

ווידזעווסקא 80. טעל.: 91-2, 88-28 און 86-18.

„דאר“ „DAR“

די בעסטע גאלוואנישע עלעמענטען

לעקלאזשע'ס סיסטעם

טרוקענע, נאסע און נאסע-טרוקענע, ווי אויך צו טאשען-לאמטערנעס.

דער איינציגער פערטרעטער אויף לאדז און אומגעגענד: ◄ אינזשינער עלעקטראטעכניק

Jan Rottengruber

ווידזעווסקא 135.
5847 8 1

וויססאל פון דר וויל

(פאסטילקעס אנגענעהמע אים געשמאק).

רייניגט און שטארקט דאס בלוט, רעגולירט דעם שטוהלגאנג און הילפט גלייכצייטיג:

נערוועזיטעט
נערווען-ערשעפפונג
קאפשמערצען
היילונג פון די נאל און לעבער
העמארידען-לייד.

ווערט שטענדיג רעקאמענדירט דורך ערצטע און האט בעקומען ערשטקלאסיגע אנערקענונגען.

ס'איז דאטעלס נור עכט, ווען יעדע שאכטעל איז פערזעהען (רובל 2.50) № 446 בעשטעטיגט דורכ'ן רוסישען מעדיצין-ראט און מיט פאטענטשטעמפעל פון דער פאבריק.

ס'איז צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדען. אויסגעשאלטעלע ליטעראטור A. W. V. קען מען בעקומען אומזיסט דורך דער אבטיילונג אויף פוילען און רוסלאנד דער פראנקפורטער כעמישער פאבריק אין ווארשוי, פאקסאל 13.
5827

ווער

עס וויל געפינען א פאסטען אדער בעקומען מיכטיגע ארבייטס-פעהיגע פאך-מענשען פון בייידער געשלעכטער (פון אלע האנדעלס-צווייגען), דער זאל זיך ווענדען נור צו דער

אקציען-געזעלשאפט

„דזיאלאטש“ „DZIAŁACZ“

Ksawery Biernacki i S-ka

וועלכעס איז א קאמוניקאציאנס-רעקאמענדאציאנס-ביורא 1-טען ראנגעס, בעשטעטיגט פון מיניסטעריום און קאנצעסיאנירט מיט א האלבען מיליאן רובל.

ווארשוי, מארשאלקאווסקא 68 עק סאראווע טעל. 280-42.

די ה"ה ארבייטס-געבער צאהלען קיין שום פערמיטלונגס-קאסטען.

אויסער דעם ערלעדיגען מיר אלע טראנזאקציעס, וועלכע געהן אריין אין אקערבוי-האנדעל און אינדוסטריע.

Biuro Ksawerego Biernackiego i S-ka.
5785 20 6

וויכטיג פאר אלע !!!

ס'איז שוין לאנג בעוויזען געווארען, אז די אלע ביז-איצטיגע מיטלען אויף צו פערטילגען מאלען וענען נערוישט ווערט, דען סרוב ווערען די מיבלען באלד אויסגעוויטערט און די מאלען האפען זיך ווייטער ארעין אין די מלבושים, פעלצען, וועש, פוטערווארג, סחורות א. ז. וו. און מאכען פון זיי א תל עולם. כדי אבער דאס צו פערהיטען, איז איצט ערפונדען געווארען פון א גרויסען דייטשען חעמיקער

א ניי מיטעל געגען מאלען

ווילכער שטייגט איבער אלע ביז איצטיגע מיטלען, אונטער'ן נאמען:

„גלאבאל“

דאס דאזיגע מיטעל איז אזוי פראקטיש, אז אין דער קורצער צייט וואס עס עקזיסטירט, איז עס שוין אנגעפיהרט אין אלע גרעסטע פעלץ-געשעפטען, מאנופאקטור-לאגערן, שניידער-געשעפטען, פריוואט-הייזער א. ז. וו. די פראקטישקייט פון דעם מיטעל בעשטעהט אין דעם, וואס מען ברויכט עס ניט צו שיטען אדער צו גיסען, נור מען הענגט אויף דעם שאכטעל אין לאגער אדער אין שאנק אין קיין שום מאל וועט זיך מעהר ניט בעווייזען.

„גלאבאל“ שפארט אין דאס איינפאקלען! „גלאבאל“ פערטילגט אלע מאלען!

„גלאבאל“ איז פראקטיש און גוט! „גלאבאל“ איז די אויסערבעטונג פון דער בעהאוס-

טער חעמישער פאבריק פריץ שולץ יוניאר לייפציג.

„גלאבאל“ בעקומט מען בעים פערטרעטער:
5762 70

מ. כרעל, לאדז, דזיעלנא 9 טעל. 08-29.

העמארידען

הילט איהר זיך אויסקורירען העמארידען בלוטיגע און סוקלעס און איינוגע טעג אהנע אפעראציע, זא קויפט דאס ניי-ערפינדענע אויסלענד. „HEMOREN“ פון וועלט-בעריהמטען פראפ. Guczard, בעשטעטיגט מעדיצינישע פערהאנדלונג № 3763 עס ווערט אויך רעקאמענדירט פיר פרויען. פרייז 1 סלאיעק 2 רובל. צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאד-אפטעקס, נעם. הויפט-ניעדערלאגע: B. ELBAUM, Lodz, Jerusalimska 9

P. S. פוטער וועט צו טערוליכען מיט אנדערע מיטלזי.
7969

די ערשטע הייל-אנשטאלט-אמבולאטאריום

פיר קאמענדע קראנקע, פעטריקויער 45 טעלעפאן 80-13

דר. ק. בלום, נאז-, אויער- אונד האלז-קראנקה. מאנט., דיענסט., מיטוו., דאנערשטאג, פון 1—2, פרייטאג, שבת, וונט. פון 9—10 פריה.

דר. י. ליפשיץ, קינדער-קראנקהייטען פון 1—2.

דר. מ. קאנטאר, חירורג-קראנקהייטען פון 3—2 און 7—8.

דר. מ. פאפיערני, פרויען-קראנקהייטען פון 3—4.

דר. ב. דאנכין, אוינען-קראנקהייטען נעהמט אן מעגליך פון 9—10 פריה.

דר. י. שווארצוואסער, אינערליכע און נערווען פון 10—11 אונד 4½—5½.

דר. ל. פריבולסקי, הויט אונד וועגערישע קראנקהייטען ואנט. דיענסט. דאנערשט. אונד פרייטאג פון 1½—2½.

מאנטאג, מיטוואך און שבת פון 8—9.

דר. שומאכער הויט און געשלעכטס-קראנקהייטען, מאנטאג, מיטוואך און שבת פון 1½—2½. דיענסטאג, דאנערשטאג און פרייטאג פון 8½—9½ אבענדס וונטאג פון 2—3.

בלוט, אורין-אנאליזען, פאקען ווצען, אינהאלאציאן נאך סיסטעם פראפעסאר קראסטען.

פיר אונבעמיטעלטע בעראטונג 50 קאפ.

הייל-אנשטאלט פיר הויט- אונד וועגערישע קראנקהייטען

ד"ר ל. פאלס, ז. גאליץ א. סט. יעלניצקי

ווילטשאנסקא 36, טעלעפאן 14-81.

אויפנאהמע שטאציאנערער קראנקער (אין איינצעלציפערן אונד אלגעמיינע צימערן) — טעגליך אמבולאטארישער עמפפאנג אונבעמיטעלטער פאציענטען, קאנסולטאציאן 60 קאפ.

רענטגען-, ליכט- אונד עלעקטריציטעטס-קורען.

בלוט-אונטערזוכונג בעי סיפיליס. עלעקטרישע גליהליכט-בעדער.

שפרעכשטונדען דער אמבולאנץ: וואכענטאגס פון 8 ביז 9 אוהר פריה. 12 ביז חאלב 2 אוהר מיטאגס און 7½ ביז 8½ אוהר אבענדס. — אום זאן- און פייערטאגען פון 8 ביז 10 אוהר פריה און 12 ביז חאלב 2 אוהר נאכמיטאגס.
737

Dr. L. Klatschkin

ד"ר ל. קלאטשקין

קאנסטאנטינער 9.

ספעציאל-ארצט פיר הויט און וועגערישע קראנקהייטען, שפרעכשטונדען פון 9 ביז 1 און פון 6 ביז 8 אבענד. פיר דאמען בעזונדערעס ווארטע-צימער פון 5 ביז 6 נאכם.
15267

ד"ר זילבערשטראם

Dr. J. Silberstrom

ארדזג, אים אמבולאט. פון רויטען-קרייץ

12 זאוואדזקא 12

הויט געשלעכטס אונד וועגערישע קראנקהייטען. (בעהאנדלונג מיט עהרליך-האטא 606—914) ערצטליכע קאססעטאל. (ענטפערונג לעטצינער חטרע, טלעקען. ז. ז. וו. 12—2½ 6—5 וואכענטאגס 11—4.

ד"ר טראכטענהערץ

Dr. Trachtenherz

זאוואדזקא 6. טעל. 76-84

גאון, אססיסטענט דער פעטערסבורגער ספעציעלען שטאדט שפיטעלע. ספעציאל-ארצט פיר סיפיליס הויט וועגערישע קראנקהייטען אונד מענערשוועכע. בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 606—914 היילונג מיט עלעקטריציטעט. שפרעכשטונדען פון 8—2 און 6—9 דאמען פון 4 ביז 5. בעזונדערע ווארטע-צימער
1468

Dr. A. Grosglik

רענטגען און ליכט-הייל-אינסטיטוט.

זאכאדניא 68 טעל. 16-85.

הויט, האאר, וועגערישע און האון-ארגאן, קראנקהייטען. בלוט-אונטערזוכונג בעי סיפיליס בעהאנדלונג מיט רענטגענשטראהלען, קווארץ ליכט און האכפרעקווענץ יצערסאנוואליזאציאן שפרעכשטונדען פון 8½—11½ און פון 5—6, פיר דאמען 5—6.

Dr. P. Grossman

דר. פ. גראסמאן

אינערע און קינדער - קראנקהייטען פעטריקויער 15, טעל. 21-33 שפרעכשט. 9—10 פריה און 7—5 נאכם.
4241

אויף קאנסטאנטינער 59

איזט צו פערמיעטען איין קאלאניאל-לאדען מיט אנגרענצענדער וואהנונג אדער אויף איין אנדערעס געשעפט. צו ערפראגען דארטזעלבסט בעים הירט פון 9—11 פריה אדער פון 2—4 נאכם.
279

2 שטובען און קיך

4 שטאק אין פראנט מיט בעקוועמליכקייט אין עלעקטרישע ליכט צו פערמיעטען, פאלודניאווא 3.
0 5 4

דאנקזאגונג.

היערדורך דריק איך אוים מיין טיעפסטען דאנק דעם ה' ד"ר מאקסימיליאן קאהן דעם הויפט-דאקטאר פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל וועלכער האט מיר געמאכט א זעהר שווערע בויך-אפעראציע וועלכע ער האט זאגאר נישט געוואלט אויסצאהלען בעי מיר, נור א דאנק מיינע בימטען איז ער דערויף איינגעגאנגען, דערבעי דאנק איך אויך דעם ה' ד"ר קאהן פאר זיין פאטערליכע בעגעגענען זיך מיט מיר און אהנ-צעלטיגע בעהאנדלונג פלעגע און הילפע, וועלכע ער האט מיר ערוויזען, נעהמענדיג מיך נאך דער אפעראציע צו זיך א היים אויף 4 וואכען. איך דאנק אויך דעם ה' ד"ר שרייבער און אסיסטענט ד"ר ניימאן, אלע דאקטוירים און דעם גאנצען פערזאנאל פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל.

פרימעט וועוויוראווסקא. 7277

א ניי נעהילפסצושניידער דער אויך

גוט פאסען קענען זאל, גלייכצייטיג ווערען געזוכט טיכטיגע שניידער-ג עזעלען. צו ערפאהרען בעי די פירמע

J. Taslemka & Sohn

Petrikauerstr. 4. 266

10 neue 36 Zöll. Stühle

glatt sind zu verkaufen. Zu erfahren Fabrick Ch. J. Wiślicki, Dluga-Str. № 138. 270 3 1

3 צימער עט קיכע

מיט בעקוועמליכקייטען פראנט ואפארט צו פערמיעטען, קאמיענע 12. צו ערפאהרען פון 12—3 אויף דער שטעלע אדער מיקאלאיעווסקא 64 בעים הירט.
7271 3 1

Двойра Якубовичъ потеряла свой паспортъ, выдан. гм. Радогощь. Отдать въ полиц. 10
232 3 3

Меерь Беръ Розенбергъ потерялъ свой паспортъ, выдан. въ м. Кальварiи, Варш. губ. Отдать въ полицiю. 7276 1

1, 2, 3 צימער און קיכע

מיט בעקוועמליכקייטען צו פערמיעטען, פעטריקויער 36.
5837 10 3

א פראנט-לאדען

מיט אנגרענצענדע צימער צו פערמיעטען, פעטריקויער 38.
5837 10 3

צו פערמיעטען

א געמעבלטע אין צימער צו וואכע-וואסער פעטריקויער 16.
0 5 4

לעערע וועקסלען

שבת 2 א ווייגער פארט. איז אין די קאנגפעשקיסטעחע פערלוירען געגאנגען וועקסלען אויף 50 ר' 10 ק' דער צהרליכער פינדער ווערט געבעטען עס אבצוגעבען געגען בעלאהנונג צו זילבערשטיין № 45 עם שאשוואל אויף ציגעל-שטר.
7242 2 2

אדוואקאט

נ. וויינבערג

77 דלוגא 77

עמפפאנגט נור פון 5 ביז 8 נאכמיטאג.
5006 23

ה. א. אויך מילוטערוואלדען און אלער ארט שתדלות אין אלע רעגירונגס-אנשטאלטען.

פון 1/14 יולי נאוואמיעסקא № 5

קאפשמערצען, מיגרענע



רעומאטיזם און ארטרעטיזם ווערען געהיילט נור מיט בעוועהרטע „מיגרענא-נערוואזין“ — „Migreno-Nervosin“ צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדען, א פראשעק 10 קאפ. דער ערט געברויכען: ארויסשיטען דעם פראשעק אויף דער צונג און נאכטרינקען וואסער מיט ציטרין.

ארויגינעלער „מיגרענא-נערוואזין“ איז איינגיג מיט דער מארקע א „האן“ „Kogut“, אבער קיינמאל נים אין אפלאטקעס. 5166 63

Тип. М. Гамбурскій и Ко. Лодзь, Петр. 16.

Редакторы: И. Угеръ. Издатели: Э. Гамбурскій, А. Токенбаумъ